UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 122- Fall 1993- Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1w95797g

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 122(1)

Publication Date
1993

Copyright Information
Copyright 1993 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדשע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים


**122**

**האַרבסט
תשנ"ד**

**AUTOMN
1993**

ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל.א.

# אינהאַלט


אברהם סוצקעווער: ליד ........................ 3

עלי שעכטמאַן: איוועס אַרעסט ........................ 4

מיכאל מירסקי: וועגן "ריגנען אויף דער נשמה" פון עלי שעכטמאַן ........ 8

מאיר חרץ: לידער ........................ 16

חנן קיעל: לידער ........................ 19

משה וואָלף: די נאַציאָנאַלע טעמע

אין דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראַטור ........................ 20

משה שקליאַר: לידער ........................ 30

שמואל איזבאַן: אין קאַמער נומער 20 -

זכרונות פון אַ שטורמישער צייט ........................ 32

העראָלד בלאק: לידער ........................ 37

י. פינער: דער קאַרשנבוים - דערציילונג ........................ 39

פיניע פלאָטקין: לידער ........................ 42

חנן קיעל: די יידיש-הומאַנע וועלט פון מאַרק שאַגאַל ........................ 44

חיים קעניגער: לידער ........................ 50

הינדע זארעצקי: לידער ........................ 51

עקיבא פישבין: צו די הונדערט יאָר פון חיים סוטין ........................ 52

טויבע פערטשוק: ציטערדיקע הענט ........................ 54

יצחק קאַהאַן: נאַדין גאָרדימער - נאָבעל-לאַוראַטין פאַר ליטעראַטור ........ 67

גרוניאַ קאַהן: לידער ........................ 66

לילקע מייזנער: וועגן היינט און וועגן המשך

(פונעם יערלעכן באַריכט-רעפעראַט

אין יידישן קולטור-קלוב) ........................ 67

ישראל גובקין ז"ל ........................ 70

צו דער פטירה פון מרדכי ליטווין ........................ 71

אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................ 72

באַגריסינגען ........................ 79-73

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל.א. שטאַט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

**HESHBON**
***PERIODIC LITERARY REVIEW***

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:
**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:
**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נום. 122

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גערזאָביטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

47־סער יאָרגאַנג, נומער 122 • האַרבסט 1993 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


**ה'תשנ"ד** **5754**

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**
**פון "חשבון"**

## אברהם סוצקעווער*

* * *

רבותי, אָפּגענאַרט האָט איך אַ ציפער
נאָר בינען בין איך אויך פון זעלבן אָפּגענאַר אַ קרבן:
כ'בין עלטער פונעם פיצל עלטער מיינעם. איך בין עלטער
פון זיך אַליין. אויב רעכענען אין יאָרן בין איך עלטער
פון אַלע דאָ פאַרזאַמלטע צוזאַמען.
צוזאַמען אויך מיט אַלינקע חכמים אין דער היים,
וואָס האָבן פון דער ציפער־וועגטקע ניט געלאָזט זיך פאַנגען.

אַ וואַנדערער אין מידבר פרייט זיך מיט אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ:
אַ קאַלטער אָדער אויפגעשניטן צווישן פייער־סטרונעס
ווו מוטער־נאַקעט באָדן זיך די שטילקייטן.
כ'בין אויך אַ וואַנדערער אין מידבר צווישן זאַמד און אָדלער
און וואָרער פון מיין האַרצקלאַפּ איז מיין זעונג.

---

*) צום אָבציקסטן געבוירן־יאָר פון גרויסן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער - אונדזערע ברכות און האַרציקע ווונטשן פון לאַנגע, געזונטע און שעפערישע יאָרן - עד מאה ועשרים!

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"

דאָס אויבן געבראַכטע ליד איז איבערגעדרוקט פון "די גאָלדענע קייט" נום. 135.

## עלי שעכטמאַן

# איוועס אַרעסט*

און מ׳קלאַפּט מיט תקיפות און מיט חוצפה אין טיר... ווייסט זי שוין, איווע, אַז ענדלעך זיינען זיי, די גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, נאָך איר לעבן געקומען און קיינער אין דער וועלט וועט איר דאָ ניט קאָנען העלפן און פון אומקום אַרויסראַטעווען. איר פעטער אַבושעס צוזאָג: ״מ׳וועט דיך היינט צונעמען״ ווערט מקוים, - ער פילט, איר פעטער אַבוש, דעם מינדסטן שטויס פון אַן ערד־ציטערניש און הערט דעם ווייטסטן אָנקום פון אַן אומגליק.

זי גייט ניט עפענען - זאָלן זיי אויפברעכן די טירן, זאָל זייער קלאַפּן אויפטרייסלען די פאַרשטאַרבנקייט, די מיט שרעק־געפּלעטע אַרומיקע מויערן. דער גרויסער און קלאָרער שטערן גייט אָפּ פון איר פענצטער און אין דעם ווייטן צימערל שפּילט נאָך אַלץ אין דער פינצטער די אַלטע מאַנאַשקע סקריאַבינען, וואָס האָט מיט זיין מוזיק געוואָלט מחיה־מתים זיין יעזוסן. פון אָט דעם עקשנותדיקן קלאַפּן איבער די קלאַווישן, וואָס שלאָגן אָפּ מיט אַזאַ ייאוש אין דעם פאַרשנייט־אָנגעלבנהטן פענצטער, נעמט זי דורך, איוועַן, אַ גרויל. די נאַס־רויטלעכע שייטלעך אין דער צעשפּאָלטן־קאַכלענער הרובע ווערן אויסגעלאָשן און ס׳פּאַלן פון דאָרטן נאָר אַ פּאָר בלייך־לילאָווע פעדעם שיין אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, ווו אויף אַדריאַנס לייוונט דרייען זיך די פייערדיקע רייפן איבער די ערב־שקיעהדיקע וואַסערן און זי, איווע, אין אָט די פלאַמען־וויכערס וויגט זיך אַן איינגעוויקלטע אין צעגליטע ווייסקייטן מיט די שוואַרצע האָר אירע, ווי רויכן, אויפן ווינט און הינטער איר, ווי פון דער ערד אַרויס, אַ גרויסער אָפּגעשונדענער שאַרבן פון האַלב־מענטש און האַלב־חיה, וואָס האַלט אויף די אויסגעצויגענע הענט, אויסגעדרייטע און קנאָכיקע, ווי פאַרבלוטיקטע וואָרצלען, אַ קינד וואָס פאַרגייט זיך אין געלעכטער.

דאָס קלאַפּן פון יענע נאַכטלייט, פון יענע הפקר־פאַרשוינען, פון יענע גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, אין איר לעבן, ווערט וואָס ווייטער און מיט יעדער רגע

---

נאָך קוים די פינגער מיינע ווילן אָנרירן -
צעשערבלט זיך די זוונג מיט קאָליר און קלאַנג און עכאָ.

רבותי, אָן אַן עלטער בין איך עלטער.
און אויב שוין יובלען זיך מיט מיינע יאָרן,
וועט נאָענט זיין צום אמת אייך צו מעלדן:
געקומען בין איך אויף דער וועלט צו לעבן, לעבן, לעבן,
ביינאַנד מיט ערשטע גראָזן, אָקערשט אויסגעפּיקטע שטימען,
וואָס כ׳האָב צו זיי נאָך יינגלצייט אַרויסגעשאָלט אַ הימען.

---

*) פראַגמענט פון ראָמאַן ״ערב״.

האַרציקע ווונטשן און ברכות דעם גרויסן פּראָזע־מייסטער עלי שעכטמאַן צו זיין 85־סטן געבוירן־יאָר. עד מאה ועשרים!

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון ״חשבון״

ווייטער ברענגען מיר אַן עסיי וועגן עלי שעכטמאַנס שאַפונג.

שטאַרקער, צאָרנדיקער, רציחהדיקער, אָבער אויפרייסן די אַלט־טרוקענע דעמבענע טיר וועט זיי אָנקומען שווער: אויסער דעם שלאָס און קייטל האָט זי נאָך פאַררוקט אַ פיסל פון אַ בענקל, זאָלן זיי דאָרטן שרייען: "אין נאָמען פון געזעץ!"

זי, איווע, וועט זיי צו זיך אין שטוב ניט אַריינלאָזן. וואָלטן דאָ אַרום איר ניט געלעבט קיין מענטשן, וואָלט זי אויך אונטערגעצונדן די שטוב, ווי ס'האָט געטאָן איר ברודער וועלוול. יענער האָט אונטערגעצונדן זיין שטוב, די קלוניע מיט תבואה און די שטאַלן מיט די פערד און בהמות, - און אויף זייער געשריי פון דאָרטן, פון יענער זייט טיר:

– וואָס, איר זייט קראַנק, איר קאָנט זיך ניט אויפהייבן פון בעט? אויף זייער געשריי ענטפערט זי אויך אויף אַ הויכן קול און קלאָר, אַז ניט נאָר זיי, די נאַכטלייט, נאָר אַז אויך די אַרומיקע שכנים, וואָס שטייען צוגעשפּאַרט מיט די אויערן צו זייערע טירן, זאָלן הערן:

– ניין, כ'בין ניט קראַנק, כ'בין געזונט! נאָר די טיר וועל איך אייך ניט עפענען! די מערדערס פון מיין איידעם, פון מיין טאָכטער, פון מיין אייניקל, לאָז איך אויף מיין שוועל ניט אַרויף... ברעכט די טירן!

ווערט דאָרטן, אין קאָרידאָר, מיט אַ מאָל שטיל - מ'רעדט אויפן אויער, און באַלד דערווייטערן זיך איינעמס שווערע טריט: ער גייט אַ פּנים ברענגען אַ שטאַנגע צו קאָנען אויפברעכן און אויפרייסן די טיר. פונעם גרינעם עפּל, וואָס עקיבא האָט איבערגעלאָזט אונטערן עלעקטרישן פאַרגעלטן לעמפּל, ווייעט אויף איר מיט ריחות פון אַראָפּגעפאַלענע פאַרברוינטע בלעטער אין שפּעטהאַרבסטיקע סעדער. פאַר די אויגן וויגן זיך איר רויטע הענגלען וואַלדקאַלינעס און די וויכערפלאַמען פון אַדריאַנס לייוונט. אויך איר פעטער אַבושעס ווייסע רייפעלעך אַרום זיינע שוואַרצאַפּלען בלינצלען צו איר, און אויך זיין טרוקן קול הערט זי: - אין חדש תחת השמש... דו הערסט, יידענע, אַזוי גייט עס שוין פון קדמונים, און אַזוי וועט עס גיין ביז משיח וועט קומען... שוין ביים באַרג סיני איז באַגאַנגען געוואָרן רישעות. דו הערסט, יידענע, ביים באַרג סיני!... משה רבנו, וואָס איז אַראָפּ פונעם הימל מיט די לוחות, ווו ס' איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָטס האַנט: לא תרצח!... ער, משה, ווי נאָר ער האָט דערזען דעם עגל וואָס זיין ברודער אַהרן האָט געמאַכט פאַרן המון, פאַר די קנעכט, וואָס זיינען ערשט נעכטן אַרויס פון מצרים, האָט ער, זייער אויסלייזער, גליך צעבראָכן די לוחות אונטערן באַרג, גערופן זיין שבט און אין נאָמען פון גאָט געהייסן נעמען שווערדן אין די הענט און דורכגיין הין און צוריק פון טויער צו טויער און איטלעכער זאָל הרגענען זיין ברודער, זיין חבר, זיין קרוב... דו הערסט, יידענע? און די בני־לוי האָבן געפאָלגט און זיינען מיט דער שווערד דורכגעגאַנגען פון טויער צו טויער און אין איין טאָג אויסגעקוילעט אָן אַ דין און אָן אַ דיין טויזנטער יידן... דו הערסט, יידענע? און דאָס האָט געטאָן משה, ווען דער פייערדיקער טינט פונעם לא תרצח איז נאָך אויף די לוחות ניט פאַרקילט געוואָרן!... הער ווייטער, יידענע, פאַרוואַרף ניט מיט די הענט, הער! און אליהו הנביא האָט אין נאָמען פון גאָט געקוילעט פיר הונדערט נביאים אויפן כרמל־באַרג, דו הערסט, יידענע? ער אַליין, שוין מיט זיין האַנט, האָט געשניטן מיטן מעסער די גאָרגלען פון הונדערטער נביאים, וואָס האָבן געטראַכט און גערעדט אַנדערש פון אים... און שפּעטער האָבן אַלע אמתע נביאים פיינט געהאַט און געשאָלטן זייער פאָלק אין נאָמען פון גאָט... האַ, דו ווילסט ניט הערן? און אַז דער תנ"ך איז

שפעטער פֿאַרהייליקט געוואָרן ביי אַלע פֿעלקער, אַלע פֿעלקער גייען דאָך מיט אונדזער תנ"ך אין קלויסטער אַריין!... האָט שוין די אינקוויזיציע אין משך פֿון הונדערטער יאָרן געפּייניקט, געבראָכן ביינער אויפֿן הילצערנעם ראָד און געברענט מענטשן אויף די שייטער־הויפֿנס... און אַזוי וועט עס, יידענע, גיין ווייטער און ווייטער ביז משיח וועט קומען... איך גיי שוין, איווע, איך גיי שוין אַוועק, היינט וועט מען דיך צונעמען! אָבער דו וועסט אויסלעבן, וועסט בייקומען... און איך, איווע, וועל האָבן אַ שווערן טויט, גאָר אַ שווערן. איך וועל מיט מיין טויט אויף דער מיטה ניט שטאַרבן. פֿון מערב גייט אויף יידן נאָך אַ שרעקלעכער מולך... און ס'איז ניטאָ, איווע, וווהין זיך צו ראַטעווען. דאָ איז גייסטיקער מידבר און פֿון דאָרטן גייט מולך... דער גרויסער יום־הדין קומט, ס'איז ערב הילכתא דמשיחא...

און איווע, אַ האַלב־פּאַרטראָגענע, אַן אויפֿגערודערטע פֿון איר פֿעטער אַבושעס רייד, פֿון זיין טייטשן און אויסברייען, באַזונדערס פֿון זיינע לעצטע ווערטער, אַז פֿון מערב גייט נאָך אַ שרעקלעכער מולך אויף יידן... הערט זי יאָ, און הערט ניט, ווי יענע נאַכטלייט רייסן די טיר. זיי טוען עס ביז גאָר געשיקט און געניט, מיט דעם קלענסטן, מיט דעם סאַמע מינדסטן רעש. און ווען זיי וואַרפֿן זיך שוין צו איר אין שטוב אַריין – ניט קיין דריי, ווי זי האָט געמיינט, נאָר גאַנצע זיבן... און אַלע זיבן גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן גרייטן זיך צו טרעפֿן דאָ דעם גרויסן ווידערשטאַנד... נאָר ביי דער געל־גרינלעכער שיין פֿונעם עלעקטרישן טישלעמפּל, ווו אונטערן אַבאַזשור ליגט אַן אָנגעביסענער עפּל און פֿון דער אָפֿענער הרובע, ווו ס'לעשן זיך די נאָס־שיפּענדיקע רויטלעכע אָלכע־שייטלעך, און ס'שלאָגט פֿון זיי צום פֿאַרשנייטן פֿענצטער אַ טונקל־געדיכט רייכל, דאָרטן, צווישן די שאַפֿעס ביכער, שוין מיטן מאַנטל אויף די פּיס, זיצט אַ פֿרוי, דעם גלאַט־צוגעקעמטן פֿעך־שוואַרצן קאָפּ, מיט זילבערנע פּאַסמעס האָר, אָנגעשפּאַרט אויפֿן אָנלען פֿונעם דיוואַן, און טוט זיך ביי זייער אַריינוואַלגערן אַפֿילו פֿון אָרט ניט קיין ריר.

– אייער פּאַספּאָרט!

לויטן ריר פֿון דער זילבערנער פּאַסמע האָר, לויטן שאָטן אויף דער וואַנט, פֿאַרשטייען זיי, אַז זי ווייזט אויפֿן ביכעלע, וואָס איז שוין פֿון פֿריִער אויף דער פּאָלקע צוגעגרייט. איר בלייכקייט – אַ מין ווייסקייט, ווי זי אַליין וואָלט אויך, ווי דער פֿענצטער אירער, פֿאַרשנייט געוואָרן פֿונעם פּאַרטאָגיקן שנייפֿאַל, רופֿט ביי זיי אַרויס דערשטוינטקייט. ווילן זיי עס דאָך אויסטייטשן, אַז זי, די דאָקטערין באַיאַר, אָט דער שונא פֿון פֿאָלק, איז פֿאַרט ווייס געוואָרן פֿון שרעק... אָבער איר פּנים, אַ שיין פּנים! איז רואיק מיט אַ מאָדנער רואיקייט. און אויך אָט די רואיקייט איז פֿאַר זיי אַ ניט־געוויינטלעכע, אַן אוממעגלעכע. דערצו נאָך דערזעען זיי אין אירע אויגן, אין די ברייט־צעעפֿנטע, שפּאָט און ביטול, און דער עיקר, אַזאַ מין אַנטשלאָסנקייט, וואָס שטעלט זיך פֿאַר גאָרנישט ניט אָפּ. – זי וואַרט אויף יענעם, אויף דעם שוין פֿאַר איר באַקאַנטן, אויף דעם שוין צוויי מאָל אין איר לעבן געהערטן:

– איר זייט אַרעסטירט!

און דאָס וועט געזאָגט ווערן אויף יענעם אויסגעלערנטן און גוטאיינגעחזרטן און גוט־געשטעלטן קול, וואָס דאַרף שוין דאָ און גלייך געבן צו פֿאַרשטיין און דערפֿילן אַז איר, איווע באַיאַרס, לעבן און ווייטערדיקער גורל איז שוין, ווי אַ געמערקטע קאָרט, אין זייערע הענט. אָבער זיי שווייגן. אויך באַווייזט מען איר ניט דעם אָרדער אויפֿן

אַרעסט, וואָס דאַרף זיין אונטערגעשרייבן פונעם פּראָקוראָר, פונעם היטער פון די סאָציאַליסטישע, פון די סאַמע דעמאָקראַטישסטע געזעצן אין דער וועלט.

דריי פון די זיבן וואַרפן פון זיך אַראָפּ די לייטישקייט – די גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, און בלייבן שוין פאַר איר אָן שום פאַרשטעלענישן, שוין אָן שום באַהעלטערל־שפּיל, שוין אין די מיליטערישע בגדים, שוין מיט די אויסגעשייערט־פינקלענדיקע מענשענע שטערנס אויף די ברייטע לעדערנע רימענס, און מיט די ליכטיקע, מיט די הימל־בלאָע פּעטליצעס, – און איווע פאַרמאַכט פון ווייטיק די אויגן.

– טוט זיך אָן!

ניט פונעם קול – אַ געזעצט־כריפּענדיקס, ווי ביי אַלע קיין מאָל ניט אויסגעניכטערטע שיכורים און אויך ניט פון דעם, וואָס זיי הייסן איר זיך אָנטאָן, טוט זי אַ ציטער, נאָר פון דעם, וואָס די דריי אויסגעטאָנענע נעמען וואַרפן פון די שאַפעס אויף דער ערד אירע ביכער, פון די טישקעסטלעך אירע בריוו, פּאַפּירן, פאָטאָגראַפיעס... אָן־אָ האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן יצחקן באַיאַר מיט דער לאַנגער שמאָלער ווייסער באָרד, ווי ער שטייט ביים וועג מיטן שטעקן, דעם קאָפּ צום אַקסל פאַרנייגט: הערט זיך צו צי ס'גייט ניט קיין נייע גזירה?... און אויך די מומע ליבע, וואָס קיינער אין דער משפּחה ווייסט ניט ווו איר קבר געפינט זיך, אויך איר קאַרטע, ווי זי זיצט אונטער דער ווערבע ביים טייך מיט איר טרויעריק־גוטן שמייכל אויף די ליפּן, אויך זי, די מומע ליבע, וואַלגערט זיך שוין אונטער זייערע פיס.

און דאָ ערשט דערפילט זי, איווע, אַז איר ביז־אַהעריק לעבן פאַלט שוין אויף אייביק אין יענעם תהום אַריין. ס'ווילט זיך איר שרייען מיט אַ געשריי פון אַ באַיאַר ווען דער שונא רירט אָן זיינע הייליקייטן און אויך וואַרפן זיך אויף זיי... אָבער ווי ווייט און וווהין און צו וועמען וועט איר געשריי דערלאַנגען און דערגרייכן? און מיטן וואַרפן זיך מיט די הוילע הענט, וועט זי נאָר ביי אָט די זיבן אַרויסרופן געלעכטער און געבן זיי נאָך אַ קאַרט אין האַנט אַריין; און זיי קאָנען דאָך אויך "ביים אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד" דערשיסן זי אויפן אָרט – זיי וועלן דערפאַר ניט באַשטראָפט ווערן, פאַרקערט, יענער, סמערדיאַקאָוו, ווי עקיבא רופט אים, יענער זיצט שוין ניט ביים פלויט מיט דער גיטאַרע, נאָר שוין דאָרטן אין קרעמל, מיט דער זיך־דרייכערנדיקער ליולקע אין די שוואַרץ־געפּאַרבטע וואָנצן, יענער, סמערדיאַקאָוו, באַהערשט שוין אַ האַלבע וועלט, ער וועט דאָך זיינע נאַכטלייט פאַרן דערשיסן זי דאָ אויפן אָרט נאָר לויבן און רימען. ער וועט זיי אַלעמען באַלוינען און פאַר אַ מוסטער אַרויסשטעלן.

– ניין, איווע, – רעדט זי און באַרויקט זיך. – דו האָסט זיי געהאַלטן העכער אַ שעה הינטער דער טיר, זיי געזאָגט, אַז מערדערס לאָזסטו צו זיך אין שטוב ניט אַריין; זיי געצוווּנגען אויפברעכן די שלעסער פאַר די אויגן און אויערן פון אַזוי פיל שכנים. דאָס איז שוין פאַר דיר, איווע, אויף היינטיקס מאָל גענוג און איבער גענוג... שטיל איין דיין באַיאַרישן צאָרן! עקיבא איז פון צאָרן און פאַרביטערטקייט אַריינגעפאַלן אין אַ ייאוש... געוואָרן אַ נאַכט־שומר פון דעם פאַרלאָזטן יידישן בית־עלמין, פאַרוואָרפן זיין פידל אויף די נאַקעט־פאַרפרוירענע בערעזעס און גייט דאָרטן אַרום אין די פאַרשנייטע נעכט צווישן די קברים מיט די איינגעוואַלגערטע מצבות... שטיל איין, איווע, דיינע אַלע צאָרנס, האַלט זיך רואיק, דיין רואיקייט און ביטול טרעפט אין זיי איצטער שטאַרקער און טיפער, ווי דו וואָלסט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די הוילע הענט. זיי וואַרטן דאָך אויף דעם!

**מיכאל מירסקי** / קאָפּענהאַגן

# וועגן "רינגען אויף דער נשמה" פון עלי שעכטמאַן

עלי שעכטמאַנס אויטאָביאָגראַפיש ווערק "רינגען אויף דער נשמה" אין צוויי בענדער האָט אַרויסגערופן אין מיין דמיון דריי בילדער:

דאָס ערשטע בילד: זיצט דער אַלטער כראָניקער אין פּושקינס דראַמאַטיש ווערק "באָריס גאָדונאָוו" אין זיין קאַמער און זאָגט צו זיך אַליין: "נאָך איין זאַגע, נאָך איין מעשה און די כראָניק מיינע איז פאַרענדיקט".

דאָס צווייטע בילד שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּאָזיציע לויט דער אַלט־גריכישער קלאַסישער טראַגעדיע, אין וועלכער עס טרעט אויף דער כאָר, און אַלץ וואָס עס געשעט מיט די געשטאַלטן, איז די זאַך פון גורל, פאַטום.

דאָס דריטע בילד: דער וואָגן אין בערטאָלט ברעכטס דראַמע "מוטער קוראַזש".

עלי שעכטמאַן האָט אין זיין ווערק "רינגען אויף דער נשמה" פאַראייניקט אין איין גאַנצקייט די אויבן דערמאָנטע דריי מאָטיוון.

זיצט דער אַלטער שרייבער אלישע בן מאיר, בן אריה אין דער בערג־געגנט פון ירושלים ביי אזכרה־ליכט און שרייבט זיין פּנקס, די כראָניק פונעם 13־טן שבט פון גלות בבל־רוסלאַנד, פאַרקערפּערט אין די געשטאַלטן פון דריי דורות יידן מחותנים, באַיאַרס און נאַהאַדיערס, אויסגעוואַקסענע אין דער געגנט פון פּאָליעסיע, אויף דער גרענעץ צווישן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

"רינגען אויף דער נשמה" האָט געזאָלט זיין אַן אויטאָביאָגראַפישער דאָקומענט, אַ מין כראָניקאַלער אַנעקס צום קינסטלערישן ווערק, צו דער טרילאָגיע "ערב". דאָס האָט געזאָלט זיין, אָבער נישט געוואָרן, ווייל געוואָרן פיל מער – אַ ניי קונס־ווערק. ווייל אַנדערש קאָן נישט דער שרייבער עלי שעכטמאַן. וואָס ער זאָל נישט שרייבן: פּובליציסטיק, כראָניק, קריטיק, פּראָקלאַמאַציע – קומט אַרויס קינסטלערישע געשטאַלטונג. און מחמת יעדעס קונסט־ווערק איז, לויט מיין מיינונג, נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, און אַוודאי נישט קיין קאָפּיע, זענען אויך די "רינגען אויף דער נשמה" נישט געוואָרן קיין כראָניק, נאָר אַ נייע קינסטלערישע ווירקלעכקייט.

---

און זי טוט אָן אויף די אַרבל מיט די שמוישענע מאַנקעטן דעם באָבריק־איבערגעניצעוועטן מאַנטל, וואָס עקיבא און דניאלקע דער מומע ליבעס האָבן פאַר איר געקויפט ערגעץ אויפן שוואַרצן מאַרק ביי אַן איבערנייערין, – דער מלבוש איז שטאַרק און וועט זיין גוט פאַרן צפונדיק־וויטן וועג, און וועט איר אויך קאָנען דינען אַ היפּשע צייט דאָרטן, אויף וואָרקוטאַ; זי פאַרבינדט דעם שאַל אַרום קאָפּ – אין דרויסן שיט און שיט... וואַרפט אַ בליק אויפן האַנטזייגערל: אָן אַ פערטל פינף, נעמט איר הילצערן קופערטל, און פיר גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן פירן זי פון שטוב צום "שוואַרצן וואָראָן", וואָס וואַרט אויף איר אונטן, אין הויף, ביי דער הינטערטיר. יענע דריי, די אויסגעטאָנענע, פאַרבלייבן אין איר שטוב אַליין צו זוכן, צו נישטערן, און דערנאָך וועלן זיי די טיר פון איר ביזאַיצטיקן לעבן פאַרקלאַפּן, ווי אַ טרונע, מיט אייזערנע צוועכעס.

איך האָב אין מײַן אַרבעט װעגן "ערב", פּובליקירט מיט אײניקע יאָרן צוריק, אָנגעװיזן אויף עלי שעכטמאַנס אײגנאַרטיקער שפּראַך, אָבער שוין אין 1928 קומט קײן כאַרקאָװו אָפּאַטאָשו, פּאַלט אַרײַן אין דער רעדאַקציע "שטערן" און פרעגט דעם 18־יעריקן עלי שעכטמאַן, װו האָט ער גענומען זײַן שפּראַך?

עלי שעכטמאַן שרײַבט אין פּעריאָדן. דאָס איז אַ סטיל אַזאַ, װאָס דרינגט אַרויס פון דער פּאַנאָראַמע. עס איז נישט אַזוי לײַכט צו האַלטן אין שפּאַנונג דעם לײענער און אין אײן אָטעם פירן אים איבער צענדליקער זאַצן, װאָס קײטלען זיך אײנער אין צװײטן, יאָגן אײנער דעם אַנדערן, װי כװאַליעס אין ים, ביז זײ פּאַרענדיקן זיך אין אַ פּאַרגאַנצט בילד אָדער לאָגישער קאָנקלוזיע. דערין שטעקט גרויסע מײַסטערשאַפט, נישט יעדער שרײַבער קאָן זיך דערויף פּאַרגינען.

צו דער אײגנאַרטיקײט פון עלי שעכטמאַנס סטיל געהערן אויך געװיסע מאָראַלישע סענטענצן, למשל: דער פילאָסאָפיש־פּעסימיסטישער רעפרען פון זײַן געשטאַלט עקיבה: "אין דער װעלט איז קײן היים נישטאָ, און אין דער היים איז קײן װעלט נישטאָ".

## אויסטערלישע פּאַסירונגען

אמת, אין ערשטן באַנד פון "רינגען אויף דער נשמה", אין װעלכן עס װערן אַרויסגעבראַכט דעט מחברס קינדער־יאָרן, װערט אײנגעהאַלטן אַ מער דערצײלערישער װי שילדערישער סטיל. אָבער אויך יענע צײַט איז פול מיט אַזעלכע אויסטערלישע פּאַסירונגען, װאָס נעמען אָן דעם כאַראַקטער פון לעגענדעס. זײ רײסן אויף די דערצײלערישע רואיקײט. אַזאַ איז דער אײנגעפּאַלענער ברונעם, װאָס װערט שוין אַלס מיסטעריע פּאָרגעשטעלט אין פּרצעס "בײנאַכט אויפן אַלטן מאַרק" װי אַ טײל פון פּאָלקסטימלעכן יידישן פּײזאַזש. אָבער די באַװוּלטע יידישע טאָכטער העסיע, בײַ עלי שעכטמאַנען, װעלכע װאַרפט זיך אינעם ברונעם און װערט געראַטעװעט דורך אַ צופעליק פאַרבײַפאָרנדיקן ציגײנער, פּאַרבלײַבט שוין איר גאַנץ לעבן אין ציגײנערישן טאַבאָר און הײבט אָן צו פּאַרלירן איר כראָניקאַלע אויטענטישקײט, פּאַרװאַנדלענדיק זיך אין אַ כראָניקאַל־מיסטישער געשטאַלט.

אויך די אויסטערלישע פּאַסירונג מיטן מחבר אַלס חדר־ייִנגל, װאָס דער פּאָטער דער כעסן װויל צערײַבן אויף שטיקער, הלמאי ער טראַכט אויס צונעמענישן אויף זײַנע מלמדים און ער דראָעט דעם פּאָטער מיט אַ האַקמעסער - איז מער באַגלײַבט װי זי װאָלט געװוען בלויז כראָניקאַלע אינפאָרמאַציע.

און לאָמיר דערמאָנען נאָך אײן אויסטערלישע פּאַרסירונג. דעם מחברס שװעסטער, די אַלמנה גאָלדע־רחל, צוגערעדט דורך די עלטערן חתונה צו האָבן פּאַר אַ רײַכן אַלמן, פּאָדערט צו גײן מיט איר פּאַר דער חופה אויפן קבר פון איר פּאַרשטאָרבענעם, הײס־געליבטן מאַן ליפע, דעם בלעכער, דעם בונדיסט, שטרײַק־מאַכער װעמען דער משוגענער פּיטשע האָט אָפּגעסמט אויס אײפערזוכט צו אים - דער שידוך װערט לויט דער טראַדיציאָנעלער מענטאַליטעט באַטראַכט װי די זאַך פון זיווג - אַזוי ענלעך צו דער אַלטגריכישער מיטאָלאָגיע פון פּאַטום...

אַזוי װערן כראָניקאַלע געשעענישן אַרויסגעבראַכט אין אירעאַלע, אַפילו מיסטישע אומשטענדן, דורכגעלאָזט דורכן דיכטערישן דמיון פון מחבר װי זײַן קינסטלערישע װירקלעכקײט. דאָס האָט אַ שײַכות נישט בלויז צו די געשעענישן פון די באַיאַרס, נאָר

אויך צו די נאָהאַדיערס, צווישן וועלכע עס רוקט זיך אַרויס די געשטאַלט פון אַוואַנטוריסט, וואַגאַבונד, ארי קאַסאָווער, געשילדערט אין ראָמאַנטישע פאַרבן.

נישט ווינציקער אויסטערליש, הגם שוין גאָרנישט מיסטיש, זענען אויך אַנדערע פּאַסירונגען אין "רינגען אויף דער נשמה". איך האָב דאָ אין זינען די רעאַליסטיש באַשריבענע פאַקטן. לאָמיר דערמאָנען עטלעכע פון זיי.

ווען שיינדל, דעם מחברס פרוי, די געוועזענע אַקטריסע פון כּאַרקאָווער יידישן טעאַטער, קערט זיך אום אין 1944 אין באַפרייטן קיעוו פון איר עוואַקואַציע אין מיטל־אַזיע, וויל זי דער ביוראָקראַט פון אוקראַאינישן שרייבער־פאַראיין נישט אַריינלאָזן צוריק אין איר אַלטער דירה. ערשט ווען דער פאָרזיצער פון שרייבער־פאַראיין, מאַקסים רילסקי, דראָעט מיט רעזיגנירן פון זיין אַמט, ברעכט ער איין דעם אַנטיסעמיט. די אויסטערלישקייט פון דעם פאַקט ווערט דערמיט נאָך אונטערגעשטראָכן, וואָס אין דער זעלבער צייט איז עלי שעכטמאַן געווען אויפן פראָנט אַלס אָפיציר פון דער סאָוועטישער אַרמיי...

אַ צווייטער אויסטערלישער פאַקט, וואָס איז שוין טרוקענע רעלאַציע, איז דער בלבול אויף עלי שעכטמאַנען, אַז ער זאָל האָבן געווען אַ קאָנפידענט פון דער נ.ק.וו.ד. דאָס איז געווען אַ "ליטעראַרישער" אויפטו פון אַ יידישן שרייבער פון פוילן. וואָס מע זאָל נישט טראַכטן וועגן מאָטיוו פון אַזאַ "ליטעראַרישער קריטיק", איז אָן ספק, אַז אין איר יסוד ליגט אַזאַ גרויסע אייפערזוכט, וואָס האָט באַוויגן פושקינען אַנצושרייבן זיין פּאָעמע "מאָצאַרט און סאַליערי". ווי באַקאַנט האָט סאַליערי געוואָלט אָפּסמען מאָצאַרטן...

און נאָך איין אויסטערלישע פּאַסירונג. פאָרט דער יידישער שרייבער עלי שעכטמאַן מיט זיין פרוי שיינדל פון גלותדיקן בבל־רוסלאַנד צום אויסגעבענקטן אַלט־נייעם פאָטערלאַנד, מדינת ישראל, וואָס איר תנכישע געאָגראַפיע און געשיכטע פירט ער מיט זיך אין דער נשמה. זיי פאָרן אין אָן אָפּגעזונדערטן וואַגאָן, באַגלייט פון נ.ק.וו.ד. לייט. וואָס איז דאָס? אַ חלום, צי גאָר אַ בלוטיקער שפּאַס פון זייערע באַגלייטער, וואָס ערגעץ אויף אַ סטאַנציע וועלן זיי מיט חוזק זאָגן "נאַזאַד"? אָבער ווען זיי זענען בשלום אַריבער די טשעכישע און שפּעטער די עסטרייכישע גרענעץ - איז אָפּגעפאַלן די רעאַלע שרעק און ס'איז פאַרבליבן בלויז דער חלום וועגן לאַנד, ווּהין זיין זיידע, דער באַאַר אריה הכהן, דער טשערנאָבילער חסיד, איז געפאָרן שטאַרבן...

און ענדלעך איז דער חלום געוואָרן וואָר. זיינע פיס האָבן באַטראָטן די ערד פון דער מדינה ישראל. און אַ נייער עלנט האָט אים אַרומגענומען. נישטאָ קיינער... נישט פון דער ליטעראַרישער משפחה, נישט פון דער סוכנות... עפּעס אַ שאָפער האָט זיך געיאָוועט מיט אַן אַדרעס, וואָס ביינאַכט אין אַ גאַס רעגן איז נישט געווען אַפילו וועמען צו פרעגן... און דער אַדרעס גופא - איז אַ מושב זקנים, אַ חורבה. איז אָנגעוואַקסן אַ נייער רינג אויף אלישעס נשמה...

די אויבן דערמאָנטע פּאַסירונגען זענען געשילדערט אין דראַמאַטישע קאָליזיעס. און עלי שעכטמאַן איז דער מייסטער פון דראַמאַטישער שפּאַנונג. זי איז עקספּלאָזיוו, דערשיינט ס'רוב ווי אַ טיפע נשמהשע אויפטרייסלונג.

אָט דערציילט דער מחבר וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט זיין שוועסטער עטל אין אָדעס. ער האָט זי קיין מאָל נישט געזען, נישט געקענט, ווען זי האָט פאַרלאָזט די היים האָט מען אים געפירט אין שטעטל אַריין צום ברית... ער קומט צו פאָרן קיין

אָדעס, צו עטלען, כּדי אָפּצוגעבן אַ גרוס פון איר פֿאָטער מאיר. ערשט אין גאַנג פון רואיקן שמועס ווערט עטל געוויר, אַז דער גאַסט איז איר לייבלעכער ברודער עלי. פֿאַר איר איז עס געווען אַ טיפֿע, אינערלעך־דראַמאַטישע איבערלעבונג. און ווי געזעצמעסיק זי איז געשילדערט!

און אָט איז נאָך אַ בײַשפּיל פון אַ דראַמאַטישער איבערלעבונג.

דניאל, דער מאָלער, איז געקומען קיין ישראל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, מחמת זײַנע פינגער זענען אויסגעקרומט און קאָנען שוין נישט האַלטן דעם פּענדזל אין דער האַנט. זיצט ער ביים ברעג פון ים און מיט אַ שטעקעלע צייכנט ער זײַנע וויזיעס. צו אַ וואָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז זײַן עלטערער ברודער דוד. פון אַ וואָרט באַיאַר? ניין! דאָס איז נישט דוד באַיאַר. דאָס איז ער געווען אין גלות. איצט איז ער דער ישראלי דוד גיורא... עס קומט לכתחילה צו אַ געפּעכט. עס שפּריצן פונקען פון די אויגן. יעדער מיט זײַן אמת, מיט זײַנע לוחות. דוד האָט טענות: "פֿאַרוואָס אַזוי שפּעט?" ער האָט געוואָרנט... און זיי צעגייען זיך... ווי פרעמדע. דוד זעצט זיך אַרײַן אין אַ שיפל און פֿאָרט אָפּ דינסטלעך אין דער ווײַטקייט פון ים. דניאל קערט זיך אום צו זײַנע גלות־צייכענונגען אין זאַמד פון ים־ברעג.

## אַלטע און נײַע געשטאַלטן

אייניקע געשטאַלטן איז "רינגען אויף דער נשמה" זענען אונדז שוין באַקאַנט פון דער טרילאָגיע "ערב". טייל אַפילו מיט זייערע פריערדיקע נעמען, ווי דניאל, סטיסיע, עקיבא. זיי לאָזן זיך איינטיילן אין צוויי מינים: גייסטיק געשפּאָלטענע און גייסטיק גאַנצע.

איך וועל אָנהייבן פון דער קאָנטראָווערסאַלער געשטאַלט פּיטשע. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער איז געקומען. בלויז דער מלמד שמואל־יאָסיע דערציילט, אַז פּיטשע האָט מיט אים צוזאַמען געלערנט אין דער נאָוואָרדיקער ישיבה. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ טראָציקער. אין שטעטל האַלט מען אים פֿאַר אַ משוגענעם, אַ שבתי־צביניק. אַנדערע זאָגן, אַז ער איז אַ גלגול פון אַ זינדיקער נשמה. ער איז אַן אָנזאָגער פון אַלדאָס בייז. ער איז אַ שטראָפער פֿאַר זינד, און אַלץ מיט אַ מעפיסטאָפעלשן געלעכטער, מאָראַליש פֿאַרדאָרבן, אייפערזיכטיק, וואָס האָט אים דערפירט צו באַגיין אַ מאָרד.

נישט ווינציקער סתירהדיק איז דער מלמד שמואל־יאָסיע, מיטן צונעמעניש "שוואַרצע יאָרן". ער דערטריקט זײַן גייסטיקע צעריסנקייט אין שכרות. ער פֿאַלט אַרײַן אין אַ גרויזאַמער רציחה און צעמזיקט ביז בלוט זײַן תלמיד עלי פֿאַר שטעלן די פראַגע: "און וואָסער גאָט האָט באַשאַפן דאָס פייער"? און שפּעטער, שוין טיף שכור, אָפּוואַשנדיק דאָס בלוט פון עליס קאָפּ און פּנים, איז ער זיך מתוודה פֿאַר זײַן תלמיד אין זנות. ער בעט זײַן תלמיד צו פֿאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון אים און זאָגן דעם פֿאָטער, אַז ער זאָל זוכן פֿאַר אים אַ בעסערן מלמד.

און ווי משונהדיק און מיסטיש דאָס זאָל נישט קלינגען, דערציילט אלישע בן מאיר, בן אריה הכהן, אַז זײַן עלטערע מיט צוואַנציק יאָר שוועסטער עטל, וואָס האָט פֿאַרלאָזט איר היים ווען ער איז אַלט געווען אַכט טעג און אַוועק אין דער וועלט אַרײַן,

הערט שוין דאָס געשריי פון איר נאָך נישט געבוירן קינד. דאָס געשריי וואָס זאָגט אָן אומקום, וואָס באַקומט זיין תיקון ערשט בעת די דייטשן טרייבן עטלען צוזאַמען מיט איר קינד און טויזנטער אַדעסער יידן צו די הייזער ביים ים, וועלכע זיי, די דייטשן, צינדן אונטער צוזאַמען מיט די לעבעדיקע מענטשן.

עטל, מיט איר נשמהשער צעשפּאָלטנקייט, האָט זיך געריסן צו דער וועלט וואָס ברענגט אויף איר אומקום. דאָס איז איר פּערזענלעכער גורל וואָס פאַלט זיך צוזאַמען מיטן גורל פון איר פאָלק.

גייסטיק געשפּאָלטן איז אויך העסיע. זי לעבט אין ציגיינערישן טאַבאָר, אָבער איר נשמה איז געבונדן מיט איר יידישן אָפּשטאַם.

און אָט זענען געשטאַלטן גייסטיק גאַנצע, סיי מיט זייער פעסימיזם און סיי מיט זייער אָפּטימיזם. דאָ רוקט זיך אַרויס קודם כל די געשטאַלט פון עקיבאַן, ביי וועלכען דאָס פּראָבלעם פון אומפאַרמיידלעכקייט פונעם גורל פון פאָלק און פון יחיד איז אַ טייל פון זיין פעסימיסטישער פילאָסאָפיע וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין זאָג: "אין דער היים איז קיין וועלט נישטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים נישטאָ". ער האַלט זיך ביי זיין פילאָסאָפיע סיי ווען ער איז אין גלות בבל־רוסלאַנד, סיי ווען ער איז געקומען שפּעטער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין ישראל, מיט זיין פלאַמיקער קריטיק לגבי די יעניקע ישראלים וועלכע פאַרלייקענען דעם באַטייט פון גלות פאַרן קיום און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק.

"אָ, גורל, אָ, גורל, פון אים קאָן מען נישט אַנטלויפן" - די דאָזיקע סענטענץ ברענגט אַרויס דער כאָר אין דער אַלט־גריכישער טראַגעדיע. דאָס איז די אומפאַרמיידלעכע שטראָף, וואָס די גריכישע געטער מעסטן אויס פאַר זינד דעם מענטשן ווי אַ יחיד, און דעם פאָלק ווי אַ געמיינשאַפט: גורל, גורל, פאַטום!

דער היפּוך צו עקיבאַן איז שרה־לאה, אלישעס מוטער, מיט איר אָפּטימיסטישן וועלט באַנעם. זי איז אַ מוסטער פון אַ גייסטיק פאַרגאַנצטער געשטאַלט. אין די ערגסטע סיטואַציעס טראָגט זי דאָס טרייסט־וואָרט: "ס'איז שווער, נאָר מען דאַרף בייקומען". בכלל איז שרה־לאה אַן אוניקאַלע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. נישט ווייניק קלוגע און פיינפילנדיקע פרויען ווערן אַרויסגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור: יעקב גאָרדינס מירעלע אפרת, לאה אין פּרצעס "די גאָלדענע קייט"; אין שלום אַשס טרילאָגיע - די פרוי דער שתדלן; די מעמואַארן שרייבערין גליקל פון האַמעלן. אָבער אַ פרוי אַ פילאָסאָף, וועלכע האָט קאַנטן און העגעלן נישט געלייענט, זאָל באַנעמען געשעענישן, מענטשן, דאָס לעבן בכלל אין פילאָסאָפישע קאַטעגאָריעס, דערביי מיט פשוטע יידישע ווערטער און גאַנצע זאַצן - אַזאַ געשטאַלט איז ביז איצט נישט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ פּאָר ביישפּילן: שרה־לאה מוסרט עקיבאַן: "טרעט כאָטש דו נישט מיט דיינע רייד אויף דער נשמה", "אין ריינע נשמות וואַקסן קווייטן", "אין אַ פינצטערן גורל וועלן אויך די ליכט אין בית המקדש פאַרלאָשן ווערן"...

מאיר בן אריה, דעם מחברס פאָטער, אַ טשערנאָבילער חסיד, אַ ייד אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, לויפט אַרום איבערן מאַרק און קוקט אויס מיט זיינע "גאולה־זוכנדיקע אויגן" משיחן. אמת, ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי זעען אויס "גאולה־זוכנדיקע אויגן". ער וואַרט אויף אַ רמז, אפשר וועט ער דערוויַיל אָנטרעפן אויף אליהו הנביא, וועלכער וועט אָנזאָגן די בשורה, אַז משיח קומט אָן...

גאָר אַנדערש איז דעם מחברס זיידע אריה הכהן, דער זקן, וועלכער שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד, איז צו גאָט און צו לייט, פאַרגאַנצט אין זיין אמונה און פּראַקטיש אין זיין גלות־אַפּריכטן. און ווען איבער די נייַנציקער דערפילט ער, אַז זיין לעבן גייט אים אויס, פאָרט ער קיין ישראל צו שטאַרבן.

גייסטיק גאַנצע געשטאַלטן זענען אויך די רעוואָלוציאָנערן, ווי זיין ברודער פּנחס, סטיסיע, דער חלוץ דוד, דער שפּעטערדיקער בן גיורא, אויך דער סאָוועטישער קאָמאַנדיר לעווקא לאַבאָדאַ, וועלכער באַפעלט צו שיסן אין זיין אייגן הויז, ווו ס'האָט זיך איינקוואַרטירט דער שטאַב פון די ווייסע. דאָס זענען מענטשן מיט פּרינציפּן, מיט זייערע אייגענע לוחות פאַר וועלכע זיי קעמפן, גרייט דאָס לעבן צו פאַרלירן - גייסטיק גאַנצע מענטשן! מען קאָן, פאַרשטייט זיך, האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן זייער פּרינציפּיעלקייט און גראָדלייניקייט. פאַר אָט די מעטשן עקזיסטירט נישט קיין מאָראַל ווי אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע, דאָס הייסט ווי אַן אָנזאַמלונג אין משך פון טויזנטער יאָרן פון עטיש־מאָראַלישע פּרינציפּן. ביי זיי איז די מאָראַל אַ רעלאַטיווע, דאָס הייסט מאָראַליש איז דאָס וואָס דינט א י צ ט דער אידעאָלאָגיע, דער באַוועגונג.

## דער אַפּאָקאַליפּטישער וואָגן

איך האָב פריער דערמאָנט בערטאָלט ברעכטס "מוטער קוראַזש". די וויכטיקסטע ראָל אין דער דאָזיקער דראַמע שפּילט דער וואָגן. דער וואָגן איז דער באַשטימער, דער אינדיקאַטאָר פון אַלע מלחמה־געשעענישן, ער כאַראַקטעריזירט די מאָראַלישע פּאָזיציע פון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן.

עלי שעכטמאַן הייבט אָן זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק "רינגען אויף דער נשמה" פון דעם "צעפאָרענעם וואָגן מיט די קרומע רעדער", אויף וועלכן ער האָט צונויפגענומען כמעט אַלע וויכטיקסטע געשטאַלטן, סטאַטיש פּרעזענטירט. אין וואָגן זיצן אריה דער זיידע, מאיר דער פאָטער, שרה־לאה די מוטער, פּנחס דער ברודער, עטל די שוועסטער און דער מחבר אַלס נאָר וואָס געבוירן קינד וואָס מען פירט אין שטעטל אויפן ברית. בלויז עטל שטייגט אויס אין מיטן וועג פון וואָגן און לאָזט זיך גיין צום רויטן וואָקזאַל. דער ערשטער אָנדייט אויף דער געשטאַלט וואָס פאַרלאָזט דעם שבט פון די באָיאַרס...

דער צעפאָרענער וואָגן מיט די קרומע רעדער דערמאָנט דעם אַפּאָקאַליפּטישן וואָגן, וואָס צעפירט די געשטאַלטן אין פאַרשיידענע עקן וועלט, אַ מין עמבלעם פון 13־טן שבט באָיאַרס און נאַהאַדיערס, אַרויסגעוואַקסענע פון דער פּאָליעסער לאַנדשאַפט, מיט וועלכער דער מחבר איז איינס. ער שילדערט אירע אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך: דיביימער און זייער קאָרע, דאָס וואַסער פון אירע טייכן וואָס רעדט מיט זיין לשון. ער שילדערט די חיות מיט אַזאַ אַנאַטאָמישער גענויקייט און זייערע נטיות, ממש ווי אַ נאַטור־פאָרשער. אָט איז למשל אַזאַ בילד:

"די האַרבסט־פייגל ווערן שטילער און שטילער, קלייבן זיך אין ווייטן וועג אַריין - טראָגן אַוועק אין די שנאָבלען דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט, און מיט יעדן פאָך פון די פליגל טרייבן זיי אָן דעם טונקל־גרויען האַרבסט".

# די גילאָטינע

שווער צו זאָגן צוליב וועלכע סיבות: גורל, מזל, צופאַל? אָדער גאָר אפשר מחמת דעם זשאָווער פון סטאַלינס פאַרניכטונגס־מאַשין – איז עלי שעכטמאַן אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע חדשים פאַר סטאַלינס טויט. דער אויספאַרש־מעטאָד איז געווען אַ סטערעאָטיפּישער, אָנגעווענדט לגבי עלי שעכטמאַנען, שוין אַן אַרויסגעבראַכטער אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע פאָרמען: זכרונות, פּובליציסטיק און קינסטלערישע געשטאַלטונג. דאָס איז געווען אַ פּערמאַנענטער טויש פון סאַדיזם און לאַקריץ־זיסער העפלעכקייט. אגב אַן "המצאה" נישט בלויז פון די סאָוועטישע פאַרש־אָרגאַנען...

נאָר דאָס נייע וואָס עלי שעכטמאַן ברענגט אַרויס אין דער דאָזיקער פּראָצעדור – איז די אויסגעלאַסענע פרעכקייט און די אָפענע זעלבסט־דעמאַסקירונג פון דער סטאַליניסטישער אויסראָטונג־פּאָליטיק לגבי דער יידישער קולטור און יידישער שפּראַך, וואָס איז געווען דער גרונט־אינהאַלט פון דער אויספאָרשונג. דאָס איז געווען די אָפענע, פרעכע באַשולדיקונג פונעם אויספאַרש־ריכטער פון נ.ק.וו.ד. קעגן עלי שעכטמאַן, אַז מיט זיין שרייבן אין יידיש האַלט ער אונטער אָפגעשטאָרבענע לעבנס־פאָרמען, קאָנסערוואַטיווע איינשטעלונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, האַמוועט דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע – אַזאַ איז געווען די אָפיציעלע דעקלאַראַציע וואָס האָט געוואָלט יורידיש באַרעכטיקן די גילאָטינע געווענדט קעגן דער יידישער שפּראַך, קעגן דער יידישער קולטור און קעגן אירע לעבעדיקע שעפער, די יידישע שרייבער.

לאָמיר זען ווי דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט פּלאַסטיש אַרויסגעבראַכט אין "רינגען אויף דער נשמה", ווו דע מחבר איז אַן אָביעקטיווער עדות, סוביעקטיוו אַריינגעצויגן דורך די האַנדלונגען פון זיינע צוויי ברידער:

"און דאָך – שרייבט עלי שעכטמאַן – הגם שוין דעמאָלט אין שטאָט און אויך אין די דערפער געזען, ווי מע טראָגט פון די שטאַלן און קלוניעס די פון הונגער אויסגעגאַנגענע, די שוין אויפן פּראָנט פאַרפרוירענאַע פּויערים, פרויען און קינדער, ווי מע לייגט די "דזשידעלעס" אין לאַנגע, נישט־געקאָוועטע שליטנס אַריין... און דער עלטערער ברודער, דער דאָקטער אהרון, דער פאַרליבטער אין ביאַליקן... אהרון, וואָס איז דעמאָלט געשיקט געוואָרן צו באַשטעטיקן ווי אַ דאָקטער, אַז די פּויערים זענען פון דיסטראָפיע געשטאָרבן... מיט אים ארהנען ז"ל איז דעמאָלט אלישע איבער די דערפער אַרומגעפאָרן, אַלץ צוגעזען און מיט דער נשמה צוגעקוקט, און ביי ביידע ברידער האָבן אַלע בלוטן מיט פּראָטעסט און מרידה געשלאָגן...

"און אלישע האָט זיך דעמאָלט אין זיינע יונגע יאָרן, "אויפן שיידוועג געפונען", צווישן צוויי פייערן, צווישן די צוויי ברידער, אהרון און פּנחס, ביידע פייערדיקע כהנים – אהרון האָט געלעבט און געווייטיקט פאַר ציון און דער צווייטער, פּנחס, דער האָט געטראָגן פייער צום מזבח פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און ביידע כהנים זענען אים, אלישען, געווען נאָענט, און ביידע פייערן האָבן אים אויסגעבריט זיין נשמה, ביידע האָבן אים צו זיך געצויגן, און ער איז "אויפן שיידוועג" דעמאָלט אַ פאַרלוירענער געשטאַנען".

"און דאָך האָט ער זיך דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטעלן – שרייבט עלי שעכטמאַן

– אויפֿן געדאַנק נישט געקאָנט אַרויפֿנעמען, אַז פֿון וועג האָט אָפּגעראַמט קיראָוון נישט קיין אַנדערער ווי ער, סטאַלין, אַליין. און אַז מ׳גייט אַריין אין אַ דזשוגאַשווילי צייט, און אַז עס וועט זיך אויף יאָרן אַ פֿינצטערניש אַזאַ איבערן גאַנצן לאַנד שטעלן...״

## דער בעל־תּפֿילה פֿון 13־טן שבט

איך האָב אויבן כאַראַקטעריזירט די פֿאַרשיידענע געשטאַלטן פֿון ״רינגען אויף דער נשמה״, אָבער נישט דערמאָנט די הויפּט־געשטאַלט. איז אחרון ואחרון חביב. ״רינגען אויף דער נשמה״ איז אַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק. די הויפּט־געשטאַלט איז דאָ דער מחבר אַליין. אָבער ער טרעט נישט אויף דירעקט, אין דער ערשטער פּערזאָן, נאָר אָביעקטיוויזירט, אין דער געשטאַלט פֿון נאַראַטאָר, אלישע בן אהרן הכּהן. דערמיט ציט עלי שעכטמאַן דעם טראַדיציאָנעלן, גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון דער יידישער ליטעראַטור. דער זיידע ש. אַבראַמאָוויטש טרעט אויף אַלס נאַראַטאָר אונטערן נאָמען מענדעלע מוכר ספֿרים, און קוקט אויף דער וועלט מיט די אויגן פֿון מענדעלען און באַשרייבט דעם אַרום מיט דער שפּראַך פֿון מענדעלען: אמר מענדעלע מוכר ספֿרים״.

אויך שלום עליכמס פּסעוודאָנים איז נישט סתּם קיין פּסעוודאָנים, נאָר טראָגט מיט זיך אַ באַשטימטן נאַציאָנאַל־עמאָציאָנעלן אינהאַלט, נישט סתּם אַ יידישער שרייבער, נאָר עפּעס מער, אַ פֿריינד פֿונעם לייענער, ער טראָגט דעם ״שלום עליכם״ פֿאָרויס, נאָך איידער מען הייבט אים אָן לייענען. דוד בערגעלסאָן האָט געפּרוווט אָביעקטיוויזירן נישט דעם נאַראַטאָר, נאָר די געשטאַלטן גופֿא. ער האָט זיי געלאָזט רעדן אין דער דריטער פּערזאָן.

אָבער אין דער טראַדיציע פֿון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור האָט עלי שעכטמאַן אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם חלק.

אין וואָס באַשטייט שעכטמאַנס חלק?

ער באַשטייט אין דעם וואָס ער אידענטיפֿיצירט זיך מיט איינקע פֿון זיינע געשטאַלטן פֿון ״רינגען אויף דער נשמה״, וועלכע האָבן דעם גורל פֿון זייער אייגן לעבן און פֿון יידישן פֿאָלק בכלל – אַריינגענומען אַלס קאָמפּאָנענט פֿון זייער וועלט־אַנשויאונג סיי מיסטיש, סיי ראַציאָנעל־וועלטלעך.

גורל ווערט אויך דער דערוויז פֿון נאַראַטאָר אלישע בן מאיר, בן אריה הכּהן. דער נאַראַטאָר באַטראַכט זיין קינסטלערישע טעטיקייט ווי אַ מיסיע, ווי זיין לעבנס־שליחות. ער זעט אין די באַראָס און נאַהאַדיערס נאָך איין שבט, דעם 13־טן שבט פֿון יידישן פֿאָלק ביי די טייכן פֿון גלות בבל־רוסלאַנד, און זיך אַליין ווי זיין שליח־צבור, זיין בעל־תּפֿילה.

דערמיט האָט עלי שעכטמאַן אויפֿגעשטעלט דעם קינסטלערישן דענקמאָל פֿאַרן רוסלענדישן יידנטום.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערבֿ־שטאַטן פֿון אַמעריקע

מאיר חרץ / ירושלים

## אַזוי פיל

אַזוי פיל נישט געשריבענע לידער נאָך
זיך ראַנגלען מיט מיר און ווילן אַרויס,
זיי זענען זיבן אַרויס די וואָך
און אָנגעפולט מיר דאָס גאַנצע הויז.

איך זעץ זיי אויסביים געגרייטן טיש,
איך פיר זיי צו צום געבעטן בעט,
דערלאַנג זיי וואַסער צו וואַשן די פיס
און מאַך זיי פינצטער, ווייל ס'איז שוין
שפעט.

און כאַפּט זיך אויף אַ ליד ביי נאַכט,
וואָס קען נישט שלאָפן, וועקט עס מיך אויף,
זיך איך מיט דעם ביז פאַר טאָג זייגער אַכט,
ווען אַלע קומען זיך ווידער צונויף.

און נאָכן פרישטיק איך עפן די טיר
פאַר זעקס פון זיי, וואָס קענען גיין,
דאָס זיבעטע פאַרהאַלט איך ביי מיר
סע זאָל נישט זיצן ביי נאַכט אַליין.

(ירושלים, 4־טער דעצעמבער, 1992)

## דער סוד

איך האָב מיר איינגעראַמט אַ סוד,
זיך צוגעזאָגט צו האַלטן סוד,
אים קיינעם נישט מגלה זיין
נישט אין כעלעם און נישט אין בראָד.

אויך דער, וואָס ער קוקט מיר אין קאָפּ
אַריין,
זאָל גאָרנישט לייענען, גאָרנישט זען,
נישט אויף פּאַפּיר, נישט פון קיין פען,

נישט פון קיין פען און נישט אויף פּאַפּיר.

דער קאָפּ איז אין גאַנצן ווי באַנדאַזשירט.
מע הערט נישט אַרויס דעם מינדסטן פּיפּס,
סע ליגט דער סוד ווי אַ פוס אין גיפּס,
סע ליגט אויפן סוד אַ שווערער שטיין
אַן אויסגעהאַקטער פון מיין געביין.

איך האָב דעם סוד שוין פאַרגעסן אַליין.

(ירושלים, 21־טער יאַנואַר, 1993)

## נאָך מיין ערשטן טראַט

נאָך מיין ערשטן טראַט אויפן הימל
האָב איך דעם צווייטן טראַט געשטעלט,
איז מיר געקומען אויפן זינען,
אַז איך שפּאַציר אַרום אין אַ פעלד.

און סע בלאָזט מיר אַקעגן אַ ווינטל,
וואָס סע גלעט מיר דעם שטערן, די האָר.
ווינטלעך אַזוינע טרעפט מען אין הימל
נאָר און נאָר, ווען דען הימל איז קלאָר.

כ'האָב דאָרט קיין וואָלקנדלעך נישט
געטראָפן,
ז'האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן פאַר מיר,

האָבן געמיינט, אַז איך קום זיי שטראָפן
פאַר אַן אַלטן פאַרשטערטן שפּאַציר.

בין אַ מאָל אַרוים אין אַ ווייטן
וועג. ס'איז געווען אַ לויטערער טאָג
ערגעץ הויך אין די קאַרפּאַטן
האָבן מיך וואָלקנס אָנגעיאָגט.

נאָר איך וויל זיך איצט נישט דערמאָנען,
וואָס איז דעמאָלט געווען, געשען,
כ'וויל געניסן די לופט פו דאָנען
היינט און נישט פאַרגעסן שפּעטער אין
דעם.

(ירושלים, 29־טער יולי, 1992)

# נישט

נישט קיין נאַסע בייטש
אויפֿן נאַקעטן לייב פֿון דיכטער
נישט קיין פּירוש, קיין שום טייטש,
נישט דאָס ליכט פֿון טויזנטער ליכטער
האָבן דעם דיכטער פֿאַרשטעלט די שיין
און פֿאַרבלענדט די אויגן,
אַז אַ דיבוק אין זיי איז אַריין,
סטענגעס פֿון מויל געצויגן.

נישט קיין נאַקעטער מאַן
פֿאַרן גירוש גן־עדן,
נישט קיין חוה, קיי שלאַנג
האָבן געבראַכט אים די פֿריידן
טועם צו זיין פֿון פֿאַרבאָט

פֿונעם עפּל דעם זיסן
און קומען דערנאָך פֿאַר גאָט
מיט אַ פֿאַרפּלעקט געוויסן.

נישט קיין אויסגעטועטע פֿרוי,
ערשט אַ מינוט, זי איז נאַקעט
און זי טאַנצט אַזוי
ווי אַ נאַקעטער וואָלף וואָלט
געפֿלאַקערט,

שווימט אַרויף פֿונעם פֿלאַם
ווערנדיק אין גאַנצן צעגאַנגען
און - נישטאָ קיין בשר ודם,
ס'איז אַ געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען.

(ירושלים, 29־טער סעפּטעמבער, 1992)

# מיר האָט זיך געחלומט

מיר האָט זיך געחלומט די ווירקלעכקייט
אַ נאַקעטע ווי זי שטייט און גייט
און אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט
און זיך מיטביידע הענט באַטאַפּט
דעם פֿליק, די נאָז, דאָס גאַנצע געזיכט
האָב איך דערפֿילט, אַז דאָס בין איך
און אַז באַטאַפּט האָב איך טאַקע זיך
און אָן די זאָקן, אָן די שיך,
אַ באַרוועסטער אין הוילן העמד.
און אַז דער חלום איז מיר נישט פֿרעמד.
די ווירקלעכקייט, וואָס איך האָב זי
דאָ אָקערשט געחלומט מיט נאַקעטע קני

איז נישט קיין אַנדערע ווי זי איז,
די ברייט, די לענג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.
און אַז געקומען איז זי צו מיר,
כדי איך זאָל נישט פֿאַרגעסן אין איר
און נישט קיין גליקן, קיין גילדערנע בערג
און נישט קיין זיידנס פֿון ווייטע מערק
די ברענגט מיר צו טראָגן, נאָר זיך אַליין
אַזוי ווי איך קען פֿון איר שטיין און גיין,
די ווירקלעכקייט אין אַ בייזער שיין,
וואָס וויל אויך אין חלום מיר אַנדערש
נישט זיין.

(ירושלים, 20־טער יאַנואַר, 1993)

---

דאָס זענען די לעצטע לידער וואָס עס האָט אונדז צוגעשיקט דער דיכטער מאיר חרץ, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 30־טן יוני ד.י. אין ירושלים.
צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור־וועלט טרויערן מיר אויף דער גרויסער אבידה.

רעד. "חשבון"

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# דעמער־שעה אין גרענד־קעניאָן

מומיעס פֿון קדמונים חלומען אין הוילע פעלזן־שלעסער,
פֿאַרצוואָגענע מיט ליכט פֿון רויטן זון־פֿאַרגאַנג
זינקען פֿאַר־בראשיתדיקע וואָלקנקראַצער,
נאָר די פייער־שריפט ברענט נאָך אויפֿן וואַנט
פֿון אַ לעצט־געבליבענעם באַלשאַצאַר.

אין דעמער שעה בלוטיקן פֿאַרגליווערטע געטער
אָפּגעבליאַקעוועטע סקולפטורן
אין גרינע לעבער־נעסטן טרילן זינג־פייגל -
בערג־טרובאַדורן.

פֿאַהוילן אין די סקאַלעס לעבט דער פּרינץ פֿון שבט,
די אַלטע נישט פֿאַרענדיקטע באַלאַדע;
לעגענדעס שיפֿן זיך אין ווילדן קאָלאָראַדאָ.

ווען שטיין־געטער ווידערשפּעניקן דעם מענטשן
הענגען זיי מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן,
טיטאַנען גאָלדענע מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ
ליגן אויסגעצויגן.

נבלה־פרעסער, הונגעריקע רויב־פייגל
קרייזן מיט אַ יאָמערלעך געשריי,
נאָר איך אַליין אין שווייגעניש מיר זינג
מיין טאַטנס שבתדיקן נשמת כל חי.

# פּאַרק־מאָטיוון

די אַלטע בוימעכע - אַ ברייטע ליבהאַרציקע סעניאָראַ
פֿאַרליוליעט אונדזערע אָוונטיקע געמיטער,
דעם שטיל שווייגנדיקן צער פֿון אָפּגעבוימלטע יאָרן,
וואָס ווילן נישט וויאַנען אין האַרבסטיקן זכרון.

די קלוגע ווערבע אין פֿאַרנאַכטיק־רויטן דעמער
פֿאַרהוילן פֿליסטערט אונדזערע ניגונים,
צעדריבלטע רגעס פֿלאַטערן אַוועק מיטן ווינט,
זומער־פייגעלעך אין נאַכטיקן פֿאַרשווינד.

די צעבלעטערטע בוימעכע באַשירעמט אונדזער שבט,
אַ טשאַטע זינג־פייגל מיט אויסגעשעפּטע הערצער;
ד׳ לאַשטשעט אונדזערע מגילות, אָדיסייען,

משה וואָלף

# די נאַציאָנאַלע טעמע אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור

שרייבן וועגן דער נאַציאָנאַלער טעמע אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור איז שווער און קלינגט משונהדיק. וואָלט דען ניט געווען לעכערלעך און קאָמיש ווען עמיצער וואָלט געפּרווט למשל רעדן וועגן דער רוסיש־נאַציאָנאַלער טעמע אין דער סאָוועטיש־רוסישער ליטעראַטור? יעדער רוסישער לייענער, וועלכער וואָלט הערן וועגן אַזאַ "טעמע", וואָלט דאָך אָנגעהויבן לאַכן. דער לייענער האָט דאָס פולע רעכט אויסצורופן: - אָדער... אָדער... אויב עס איז דאָ (געווען) אַ יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטן פאַרבאַנד, קאָן זי ניט זיין ניט נאַציאָנאַל. און אויב... דאָס איז נאָר אַ פיקציע, איז דאָך ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

און אפשר... אפשר איז עס אַ טעות? אפשר האָט דער מחבר געהאַט אין זינען שרייבן וועגן דער יידישער טעמע אין דער רוסישער ליטעראַטור? אַזוי שטעלן די פראַגע איז זייער באַרעכטיקט. עס איז גוט באַוווסט אַז אַזאַ ליטעראַטור איז פאַראַן. ניט נאָר אונדזערע שונאים, נאָר אויך די חסידי אומות העולם, און צווישן זיי באַוווסטע רוסישע שרייבער, פּאָעטן, ליטעראַטור־פאָרשערס האָבן אָפט אין זייערע אָריגינעלע ווערק באַטראַכט די יידישע נאַציאָנאַלע טעמע (בערדיאַיעוו, סאָלאָגוב, סאָלאָוויאָוו, טאָלסטאָי, גאָרקי, קופּרין, קאָראָלענקאָ. אין די לעצטע יאָרן יעווטושענקאָ, פאַווליטשקאָ,

---

צאַנקענדיקע אילוזיעס וואָס גייען נישט אויס,
גאָטס קינדער איינגעוויגטע
אויף דער אַלטיטשקער מאַמעס שויס.

## מאַמע ערד

די מאַמע־ערד, די קליינע בענקענדיקע מאַמע־ערד,
שלווהדיק, געהילט אין צעבלימלטע קאָלירן,
פון די הימלדיקע הייכן כ׳קען דיין שיינקייט נישט פאַרלירן,
מיט דיינע זאַפטן האָט מיין גורל שטענדיק זיך גענערט.

ווי קען מען פון דיר לאַנג זיין אָפּגעזונדערט
אַ צעל, אַ שאָטנדיקער קוים, איך בין פון דיין בראשיתדיקן סוד;
אָן דיר מיינע צוויבער־שטערן וואַלגערן זיך נע ונד,
אַלע הימלען זיבן דערציילן דיינע גרויסע וווּנדער.

אין לבנהדיקן נאַכט־געפּלי איך זע דיין פּראַכט פון אויבן,
דיינע ציטערדיקע פינטעלעך גאָלדענע אין שויבן,
ווי אַ פּיקאַסאָ־ווערק אויפן פּאַרנאַס באַרג געמאָלטן;

דיין שטילע נאַכט מיין מאַמע־ערד - אַ סימפאָנישע מוזיק,
פון אַלע שווינדלדיקע הייכן כ׳וועל אַראָפּפליען צוריק
צו דיינע אָנגעגליטע ליבעס, צערן און רעוואָלטן.

גראָסמאַן, קאַנאָוויטש, די ברידער וויינער). דערצו ווילט זיך צוגעבן, אַז שרייבן וועגן דעם ווי אַזוי די יידיש־נאַציאָנאַלע טעמע איז פאַרגעשטעלט אין דער רוסישער ליטעראַטור איז אַ סך גרינגער איידער שרייבן וועגן דעם נאַציאָנאַלן תוך פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. און פון דעסטוועגן, ניט געקוקט אויף אַלע ספקות, איז פאַרט באַרעכטיקט אַזאַ אויספאָרשונג, באַזונדערס אין אונדזער צייט - אין דער צייט פון דעם צעפאַלן פון דער סאָוועטישער אימפעריע, ווען די וועלט האָט באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט פאַרשידענע ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן.

מיר מוזן דאָ באַטאָנען, אַז מיט דער טעמע האָבן זיך פאַרנומען פאַרשידענע יידישע שרייבערס און ליטעראַטור־פאָרשערס שוין פון יאָרן־לאַנג. אין 1957 יאָר האָט נ. מייזעל געווידמעט דעם דאָזיקן ענין אַ ריי אַרטיקלען. שוין דעמאָלט האָט ער מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז וועגן די סאָוועטישע יידישע שרייבערס, (אפילו וועגן די אומגעקומענע קדושים) דערמאָנט מען כסדר "ווער מיט טיפן ווייטיק און ווער מיט שנאה און פאַראַכטונג", אָבער ווייניק, גאָר ווייניק באַטראַכט מען "דעם תוך און דעם באַטייט פון זייערע ווערק". אייניקע קריטיקער האָבן עקשנותדיק געטענהט, אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז פון אָנהייב אָן ביז צום סוף פאַרבליבן ווי אַ "פאַרדאַרטע צווייג" אויף דעם לעבעדיקן בוים פון דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור, און אַז זי האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין שום אמת־יידישן ווערט אין דעם נאַציאָנאַלן אוצר פון דעם יידישן שאַפן.

ש. ניגער האָט בשעתו געשריבן:

"עמאָציאָנעלע, אָדער רעליגיעזע עמאָציעס האָבן ביזן אויסברוך פון נאַצי־סאָוועטישן קריג אין 1941 ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שום אויסדרוק אינעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן. עס איז בכלל דערקלערט געוואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אָדער קליינבירגערלעך יעדע טעמע, יעדער שטאַנדפּונקט און יעדע באַלייכטונג, וואָס האָט אין דעם אָדער אין יענעם מאָמענט ניט געפּאַסט פאַר די אויפגאַבעס און די שטרעבונגען פון דער סאָוועטישער רעגירונג. וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געוווּנען אין ברייטקייט האָט זי פאַרלוירן אין פאַרשידנאַרטיקייט און אין טיפקייט, אין פרט פון נאַציאָנאַלער איינגעוואָרצלקייט און ירושהדיקייט" (אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, קאַפּיטל יידן, באַנד 3, ז"ז 158-159, 1942).

אַ דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע פּאָזיציע פאַרנעמען אין דעם ענין נחמן מייזל און ב. ריווקין. דער לעצטער, אין זיין אַרטיקל "נייע קאָאָפּעראַצע צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און דער סאָוועטישער" שרייבט, אַז די יידישע שרייבער אין אַמעריקע פירן אַ מלחמה קעגן די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער. פּאַרטיידיקנדיק די קאָמוניסטישע וועלט־אויפפאַסונג פון די יידישע סאָוועטישע שרייבערס, באַמיט זיך ב. ריווקין צו באַווייזן, אַז "די פּאַרטייאישקייט מאַכט ניט בלינד, נאָר אַלזעוודיק" - זי האָט זיך נאָר קאָנצענטרירט אויף דעם באַשרייבן דעם איבערבוי פון דעם סאָוועטיש־יידישן לעבן"; (...) ער גיט צו ווייטער: "די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור האָט געטאָן נאָך מער: זי האָט דעם אחרית־הימים (די שפּעטערדיקע יאָרן) פאַרהיינטיקט; זי איז פאַרנומען געוווען מיט אַריינברענגען דעם צוקונפט־מענטש אין דער צוקונפט־אָרדענונג" (...) "איצט ציט זי אַריין דעם גאַנצן יידישן עבר אין דער נויט - פּראַקטיק פון היינטיקן טאָג" (...) "כדי אַזוי אַרום די גאַנצע אָנגעזאַמלטע יידישע

מאַראַל, ענערגיע פון דורות (...) אַריינצוטאָן אין פּראָצעס פון אויגן בליקלעכער פאַרוואַנדלונג פון סאָוועטישן יידן, ער זאָל נשמה קאָנען אָפּגעבן אין האַלדז־אויסשטרעקנדער מסירת־נפש" ("גרונט־טענדענדן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". איקוף־פאַרלאַג 1948, ז"ז. 326–327).

אָט אַזוי... פאַרפּלאָנטערט, פאַרקנופּט און פאַרדרייט, און... "חזיר־פּוסל כשר".

מער איינגעהאַלטן און פאַרשטענדלעך איז נחמן מייזלס פּאָזיציע:

"עס איז געגאַנגען אַ פאַרמעסט צווישן די פעלקער – אַרויסצוגראָבן און אַרויסצושטעלן פאַר דער אַלגעמיינער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט גרויסע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן פון וואָס ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אויך די סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען ניט אָפּגעשטאַנען אין דער אָ באַשטרעבונג" (...) צום ביישפּיל מ. דאַניעל האָט געשריבן וועגן שלמה מיימאָן, ש. האַלקין וועגן בר־כוכבא, דער נסתר – וועגן דער משפחה מאשבער, דוד בערגעלסאָן – וועגן פּרינץ ראובני א.א.וו.ייטער (...) אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַרהוילן און פאַרבאָרגן פאַר די היגע יידישע קריטיקערס און שרייבערס, וועלכע האָבן צוליב זייער שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זען וואָס ס'טוט זיך אינעם סאָוועטיש פאַרצווייגטן און פאָלקאָלירקן יידישן שאַפן" (...) "זיי האָבן כסדר געהעצט און דיסקרימינירט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור און אירע שרייבערס, געזען אין זיי אַלדאָס בייז און שלעכטס און אַזוי אַרום פאַרמיאוסט זיי אין די אויגן פון די לייענערס" ("דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד", איקוף פאַרלאַג 1959 ז' 199).

די געבראַכטע אויסצוגן – מיינונגען פון פאַרשידענע ליטעראַטור־פאָרשערס, ווי עס איז צו זען, זיינען סותר איינער דעם אַנדערן.

– וווּ זשע איז דער אמת?

גרינגער פון אַלץ איז צו זאָגן, אַז דער אמת איז ערגעץ אין דער מיטן. אָבער אַזוי זאָגן הייסט אַרויסדרייען זיך פון אַ מער גענויען ענטפער – צום באַדויערן איז דער אמת ביז צום סוף עד היום נאָך ניט אויסגעפאָרשט. ער איז אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי דאָס קאָן זיך אויסווייזן. און כדי צו פאַרשטיין די שוועריקייטן פון געפינען אַן ענטפער, מוזן מיר זיך דערמאָנען און פאָרשטעלן אין וואָס פאַר אַן אומשטענדן האָט זיך פאָרמירט אָט דער "מיטן", אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען, אין וועלכער אַטמאָספער האָט זיך געשפּינט דער פאָדעם פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם אַמאָליקן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איצט צווייפלט שוין קיינער ניט אַז דאָס יידישע לעבן האָט זיך געראַנגלט אין ראַטן־פאַרבאַנד כיונה בחגוי הסלע, אין דער דחקותדיער אַטמאָספער פון אַנוואַקסנדיקן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם, און אַז דער סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ יחיד במינו.

די ניט אויפהערנדיקע רדיפות, דער גרויסער טעראָר וועלכער האָט געהערשט אין לאַנד און האָט זיך אויסגעגאָסן קדם כל אויף די קעפּ פון די יידישע שרייבערס, האָט ניט געקאָנט ניט ווירקן אויף דעם איבערגעבליבענעם רעשטל יידישע שריפטשטעלערס. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט אָפּגעטרייסלט די הענט און זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און ניט זעענדיק. די אַנדערע האָבן אַקטיוו באַרעכטיקט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען.

"אַז צוליב וואָכיק ברויט און יום־טובדיקן ווייַן

פון ברודער לייב פאַר זיך האָט איר געבראַכט אַ קרבן.
אַז אַלדאָס מענטשלעכע אין זיך האָט איר פאַרדאָרבן
כדי דעם אָפּגאָט אייערן זאָל שמעקן פיין״.
(ש. האַלקין ״דער משפט״ סאָוו. היימלאַנד 1991 נום 8 ז׳ 21)

דער הייליקער שמואל האַלקין נעמט זיך ניט אַרויס פונעם כלל. מיט ווייטיק, זייענדיק אין דעם שטראָף־לאַגער אין די הרי החשך איז ער זיך מודה:

״און איך האָב אים געזונגען לויב־געזאַנגען
זיין נאָמען אויפגעטראָגן - ביז צו שטערן
אַזוי, אַז ווייניק־וואָס איז אָפּגעגאַנגען
צום מענטשן־מין ער זאָל שוין ניט געהערן״ (דאָרטן ז׳, 23)

און פאָרט... און ניט געקוקט אויף אַלע געפערלעכקייטן איז ניט אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן דער נר־התמיד פון דעם יידישן גייסט. זאָל זיין, אַז דאָס זיינען געווען ביז גאָר קליינטשקע פייערלעך, גוססדיקע שיין־אויפבליצן, און דאָך האָבן זיי פון צייט צו צייט באַלויכטן דעם מאַרטיראָלאָגישן וועג.

אַלע, וועלכע האָבן געשריבן אויף דער טעמע וועגן די נאַציאָנאַלע טענדענצן אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, האָבן שטענדיק קאָנצענטרירט זייער אויפמערק קודם כל אויף די ווערק פון די גדולי הדור שנהרגו ונפלו על קידוש השם (בערגעלסאָן, דער נסתר, דוד האָפשטיין, שמואל האַלקין, פרץ מאַרקיש א.א.) און דאָס איז באַרעכטיקט, ווייל זיי זיינען טאַקע געווען די קרוין פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. עס איז אָבער אויך אַ חוב צו דערציילן וועגן די יינגערע, וועגן די יונגעטשקע, וועגן וועלכע עס איז נאָך ביז היינט ווייניק באַוווּסט.

אין 1990 יאָר, אין מיין עסיי וועגן די 23 יידישע פּאָעטן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן (1941-1945) האָב איך אָנגעוויזן אַז דאָס רוב פון זיי האָבן ניט דערלעבט אַרויסגעבן זייער ערשט ביכל לידער (״הזכרת נשמות״. סאָוועטיש היימלאַנד נום. 5 1990). וועגן זיי האָט דער באַוווּסטער סאָוועטיש יידישער פּאָעט משה כאַשטשעוואַצקי, צוויי חדשים פאַר דעם, ווי ער איז אַליין אומגעקומען, געשריבן:

״צווישן פעלדער צווישן וועלדער
דורכגעשאָסן ליגט אַ זעלנער
ניט באַוויינט און ניט באַגראָבן
(....)
כ׳האָב געזען אים צווישן גראָזן
לינדע ווינטלעך דאָרטן בלאָזן
ליגט אַ זעלנער אָן אַן אָרון
ווי און ווינד צו מיינע יאָרן״.

שוין אָט די עטלעכע שורהלעך טראָגן אין זיך עכט יידישע אידיאָמען, די יידישע קנה־נגינה, וועלכע זאָגט עדות, אַז זיי האָט אָנגעשריבן אַ ייד, וועלכער האָט פאַרהיט אין זיך דאָס יידישקייט. נאָר אַזאַ ייד קאָן אַזוי קלאָגן: ״ליגט אַ זעלנער אָן אַן אָרון, ווי און ווינד צו מיינע יאָרן.״

צום באַדויערן זיינען די ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן די דאָזיקע 23 קדושים זייער קאַרג. די מערסטע פון די אומגעקומענע זיינען געווען יינגער פון 30 יאָר (שמואל אייזנוואַרג, אהרון האָפשטיין, שמעון לעלטשוק, וועלוול רעדקאָ -

געפֿאַלן אין די שלאַכטן צו 23 יאָר; אהרון באראדיאנסקי - 25 יאָר, הערשל דובינסקי און פנחס שטיינבערג - 26 יאָר; הנוך שוועדיק - 28 יאָר), 5 פּאָעטן (בערל קאראביייניק, ראובן רייזין, בוזיע אָליעווסקי) - אומגעקומען אין עלטער פֿון 30 יאָר, לייב טאַלאַליי - 37 יאָר. בלויז 4 (יאַשע זעלדין, שלמה לאָפּאַטע, משה כאַשטשעוואַצקי און שמואל ראָסין) - עלטער פֿון 40 יאָר.

לייענענדיק די לידער פֿון די דאָזיקע פּאָעטן הייבט אָן נאָגן דאָס האַרץ. אַ סך לידער רופֿן אַרויס אַ שווערן געפֿיל פֿון אַנטיידישונג פֿון דער טעמאַטיק, די אַנעסטעזיע פֿון דער שפּראַך. זיי זיינען געשריבן אין יידיש, מיט יידישע אותיות אָבער ניט זעלטן זיינען זיי דענאַציאָנאַליזירט אין אַזאַ באַדייטנדעקער מאָס, אַז עס ווערט שווער צו באַנעמען וועגן וועמען גייט אין זיי די רייד. אַפֿילו אין די ווערק, וועלכע זיינען געווידמעט דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, בעראָבידזשאַן, איז אָפֿט שווער צו פֿאַרשטיין וועמען די לידער זיינען געווידמעט - דעם יידישן האָרעפּאַשניק, אָדער עס האַנדלט זיך בכלל וועגן אַרבעטער און פּויערן, וועלכע מיען זיך אין דער טייגע.

די מערהייט פֿון די לידער שפּיגלען אָפּ די באַוווסטע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן און געזעצמעסיקייטן, וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די פֿאַר־מלחמה־יאָרן. אַ היפּשע צאָל לידער זיינען ניוועלירט, איינפֿאַרביק, פֿול מיט ליוב־געזאַנג צו דער מאַכט, צום גליקלעכן לעבן וועלכען עס האָט זיי צוגעזאָגט "דער פֿאָטער פֿון די פֿעלקער".

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צווישן אָט די שירי זמרה געפֿינען זיך אויך לידער, וואָס האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז ניט אַלץ איז אַזוי שיין און פֿיין ווי עס קאָן זיך אויסווייזן. אין ש. אייזנוואַרגס אַ ליד געפֿינען מיר אַזעלכע פֿערזן:

"אין פֿינף און דרייסיק יאָר, אין מיטן לעבנסוועג
ווען אַלע זאַפֿטן האָבן זיך צעשפּילט
האָט זיך אָפּגעשטעלט די שפּינראָד פֿון די טעג"

("די לירע". מאָסקווע 1985 ז' 15).

דאָס דאָזיקע ליד האָט ש. אייזנוואַרג געווידמעט זיינעם אַ פֿען־חבר (ז. פֿרידמאַנען). ניט לאַנג צוריק האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז דער לעצטער איז אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן ווען ער איז געווען אין גאַנצן 20 יאָר אַלט.

ש. אייזנוואַרג מוז אָבער מאַסקירן זיין געוויין, זיין ווייטיק און נוצט מיטלען פֿון אַלעגאָריע. אינעם ליד "אַן אָפּגעהאַקטער וואַלד" קלאָגט זיך דער דיכטער:

"אַזוי וואַלגערסטו אום דיין שענסטן דעמב
און גרויזאַם פּייפּסטו ווי דער שטורעם־ווינט
עס שטייט דער וואַלד ווי אַ פֿאַריתומט קינד" (דאָרטן. ז' 16)

און ווידער אַ מאָל: ווו קען מען נאָך טרעפֿן אין דער ניט יידישער דיכטונג אַזאַ פֿאַרגלייך "א וואַלד ווי אַ פֿאַריתומט קינד"?

איצט, ווען עס איז געפֿאַלן דער דיקטאַטאָרישער רעזשים און עס האָבן זיך געעפֿנט די אַרכיוון, דערוויסן מיר זיך אַלץ מער נייע פּרטים. עס איז באַוווסט געוואָרן אַז אַ חוץ לידער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט, האָבן די סאָוועטיש־יידישע דיכטערס און שרייבערס געשריבן אויך אַנדערע ווערק, וואָס זיי האָבן געמוזט אויסבאַהאַלטן אין פֿאַרשידענע געהיימע ערטער, און נאָר אין די לעצטע יאָרן זיינען אַ סך פֿון זיי אַנטפּלעקט געוואָרן. אָט למשל, דאָס ליד פֿון דעם 26־יאָריקן הערשל דובינסקו

"מוטערס קלאָגן", איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1937 יאָר, און על פּי נס נצל געוואָרן און דערנאָך דערזען די שיין. אין דעם דאָזיקן ליד ווערט אַרויסגעבראַכט דער גרויסער צער פון מוטערס, וועלכע זיינען געקומען באַזוכן די קברים פון זייערע אומגעבראַכטע זין. זייערע יללות הערט ניט קיינער. "דורך די ערדן גייען איינזאַם די געוויינען". דער דיכטער קאָן ניט איינהאַלטן אין זיך דעם ווייטיק און גיסט אויס זיין האַרץ.

"גלוסט זיך מיר אין נאַכט צעשרייען
אויפשטיין זאָל די וועלט און הערן
מוטערס אויפהייבן פון קברים
און זיי אָפּווישן די טרערן". (די לירע")

ס'פרעגט זיך אָבער וועגן וועמען גייט די רייד אין דעם דאָזיקן ליד? וואָס פאַר אַ מאַמעס האָבן אַזוי דערשיטערט דעם פּאָעט? און אויף דער פראַגע גיט דער דיכטער אַן ענטפער:

"וויינט ניט טרויעריקע מוטערס
שפּאַניע וועט אַ פרייע ווערן".

און דאָס איז שוין טאַקע אַ פּאַרדרייטע זאַך. מיר ווייסן דאָך, אַז אין דער צייט, ווען דער דיכטער האָט געשריבן די דאָזיקע פערזן איז די טראַגעדיע פון מיליאָנען סאָוועטישע מוטערס געווען ניט קלענער, איידער די טראַגעדיעס פון די שפּאַנישע מוטערס. די גרויסע רוסישע דיכטערן אַננאַ אַכמאַטאָוואַ האָט און איר "רעקוויעם" געשריבן:

"פון אַזעלכע אַנגסטן בערג זיך ברעכן
און עס שטעלט זיך אָפּ דער טייך".

עס קאָן זיין אַז דובינסקי איז געווען אויפריכטיק, ווען ער האָט געמונטערט די שפּאַנישע מוטערס. אָבער ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז צו זיינע אויערן זיינען דערגאַנגען קודם כל די קלאָגן און געשרייען פון די יידישע מאַמעס, וועלכע האָבן זייער נאָענט פון אים גופא, "איינזאַם אין דער קאַלטער נאַכט פון ווינטער" געיאָמערט מיט ביטערע טרערן.

און אָט איז נאָך איין נצל געוואָרן ליד פון דעם 32-יאָריקן מאָטל האַרצמאַן, אין וועלכן ער דערציילט וועגן די שוידערלעכע געשעענישן וואָס קומען פאָר אין דעם דאָזיקן לאַנד. ער גיט צו וויסן, אַז ער איז אומבאַהילפיק, ער, דער עדות פון דער שוידעלעכער טראַגעדיע מוז, שווייגן און שטילערהייט שלינגען זיינע טרערן:

"און איך דער אָרעמער זינגער פון ליידן
דער זינגער פון אומגליק און גליק (!?) וואָס זאָל זאָגן?
איך שטיי באַ אַ זייט און איך קאָן ניט ריידן
איך באָד זיך אין אייגענעם בלוט און אין פּלאָגן" (דאָרטן ז' 157)

צי דערמאָנט ניט דאָזיקע שורה די ווערטער פון דעם נביא: "ואראך ואת מתבוססת בדמיך"-? אָט דער מאָטיוו פון באָדן זיך אין אייגענעם בלוט חזרט זיך איבער ניט איין מאָל אין די לידער פון די סאָוועטיש-יידישע פּאָעטן:

"מיין פאָלק, מיין יידיש פאָלק
דו האָסט דאָך דעם בלי
די פיין, די שיין דעם טיפן מוט געגעבן
בדמיך חיי, בדמיך חיי

אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" -

(עזרא פיניבערג. "שלאַכט־פעלד". 1943, מאָסקווע, ז' 46).

און טיף ווייטיקדיק־יידיש איז אויך דאָס פּרעכטיקע ליד פון דעם זעלבן דיכטער "פאַרבלוטיקטע ביכער". עס גייט אַ בלוטיקע שלאַכט. פון אַ ברענענדיק הויז האָט דער פּאָעט געראַטעוועט אַ פּעקל ביכער. דער פּאָעט טראָגט זיי אויף די פּלייצעס. דער גענעראַל, וועלכער האָט דאָס דערזען שטעלט אים אָפּ און פרעגט:

"קניגאָנאָשאַ, ביכער טרעגעד,
ווער און פון וואַנען ביסטו?
וואָס דאָ אין גהינום טוסטו?

דער דיכטער ענטפערט באַשיידן דעם גענעראַל, אַז ער האָט אַרויסגעריסן פון פייער די לידער, וועלכע עס האָבן געשריבן זיינע פּען־ברידער, אַז ער פילט אויס די צוואה פון זיידן וועלכער האָט אים פאַרזאָגט, אַז אין יאָרן פון אומגליק "שרייבן זאָלן אייניקלעך מיט גאַל, מיט בלוט מיט הייסן". אָפט פלעגט עזרא פיניבערג, ווי אויך אַ ריי אַנדערע סאָוו. יידישע פּאָעטן אויסנוצן אין זייער דיכטונג גאַנצע סטראָפן פון תהלים, פון איכה, שיר השירים. אָט למשל, ווי אַזוי דער דיכטער ווענדט זיך צו דעם יידישן פּאַרטיזאַן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש:

"אַלצדינג, וואָס כ'וועל דיר הייסן / (ואת אשר אצוך)
זאָגן זאָלסטו צו דעם פאָלק / האָב ניט מורא פאַר זיי / (אל תרא מפניהם)
און זאָל מען דיך פאַרשטיינען / איך בין מיט דיר / (כי אתך אני)
די שיין איז שטענדיק דאָ מיט דיר / און זי וועט דיך רעטן / (להצילך)
(ירמיהו).

נאָך איין מוסטער.

"טויב מיינע אין פעלדזן־שפּאַלט / (יונתי בחגוי הסלע)
באַווייז מיר דיין געשטאַלט / (הראיני את מראך)
מיט די צאַרטע קלאַנגען מיך באַגריס / (השמיעיני את קולך)
ס'איז דיין פּנים שיין און דיין קול איז זיס / (כי קולך ערב ומראך נאוה") (שיר השירים).

"יונתי בחגוי הסלע" - דריי לשון־קודשדיקע, פאַרקריצטע אין דעם דיכטערס זכרון ווערטער שילדערן בילדעריש די אומשטאַנדן, און וועלכע עס האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן דאָס יידישע וואָרט אין דעם דאָזיקן לאַנד.

נאָך מער טראַגיש איז די פּאָעמע פון מאָטל האַרצמאַן "דער טויט אורטייל". שוין מיט אירע ערשטע ווערטער טיילט זי זיך אויס ווי אַן אויסרוף פון חומש: "דערהערט און פאַרנעמט אַלע הימלען און ערדן דעם הייסן געשריי פון מיין בלוטיקן האַרץ".

אָט דער נייער וואַריאַנט פון פרשה "האזינו" שילדערט די גרויזאַמע ערשטע טעג פון דער מלחמה. די פאַשיסטישע דייטשישע מערדער הענגען אויף סלופּן יידן. און די היימישע רוצחים העלפן זיי דאָס טון. די נעכטיקע שכנים, וועלכע האָבן יאָרנווייז זיך גענוצט מיט דער יידישע גאַסטפריינטשאַפט, הילפגרייטקייט, מיט דעם יידישן שכל און מיט זיין גוטס, נעמען איצט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רציחות, זיי ראַבעווען דאָס גוטס, אפילו די בגדים פון די אויפגעהאָנגענע:

"אין העמדער די יידן, די פיס שוין אָן זאָקן

עס האָבן באַגנבֿט די תּליות די מערדער
און איך מיט מיין לייד שטייעןביידע צוזאַמען
און ברעכן די הענט אין אַ יון־באַגינען
און זוכן צווישן די מאַמעס מיין מאַמע
מיין איינציקע מאַמע איך קאָן ניט געפינען.

אין די לידער פון די יונגע יידישע דיכטערס, קלינגען אויך אומרו און צער, פאַרבונדענע מיט דער טראַגעדיע פון דער יידישער שפּראַך. משה כאַשטשעוואַצקי פילט מיט זיינע אַלע חושים אַז די יידישע שפּראַך הייבט אָן צו פאַרשווינדן. ס'איז שוין ניטאָ מיט וועמען זיך אויסרעדן דאָס האַרץ אויף יידיש. עס בלייבט אים שוין ניט מער ווי אַוועקגיין אין די בערג און דאָרט דערהערן דעם ווידערקלאַנג פון זיינע אייגענע יידישע ווערטער:

"די לופט איז ריין, די לופט איז לויטער קלאָר
אַ גוט מאָרגן! - שריי איך - אַ גוט יאָר!
און אַלץ אַרום עס הערט זיך אין אין חדוש.
אַ גוטער מאָרגן! ענטפערט אָפּ דער באַרג
עס ריידן בערג מיט מיר אַ גוטן יידיש"
(דאָרטן, ז' 227)

דער גרויס פון דער יידישער שפּראַך האָט אַרויסגערופן גרויסן צער ביי דער באַפעלקערונג, ביי דעם יידישן לייענער און אויך ביי די יונגע שרייבערס און דיכטערס. ביי אַ ריי שרייבערס האָט זיך איבערגעריסן דער חשק צו שרייבן אין יידיש. אַזאַ באַגאַבטער שרייבער ווי עמנואל קאַזאַקעוויטש האָט בכלל אויפגעהערט צו שאַפן אין יידיש, און איז אַריבערגעגאַנגען אויף שרייבן נאָר אין רוסיש. ביי אַנדערע, וועלכע זיינען געבליבן טריי זייער נייגונג צו שרייבן אויף יידיש, רייסן זיך אַריין אין זייערע לידער געפילן פון פּיין, ווייטיק און אומעט. ש. אייזנוואַרג, דער פילבאַרסטער פון די יונגע קלאָגט:

"דיין גלאַנץ איז שוין פאַרטונקלט
און ס'רירט שוין ניט דיין טרויעריק געזאַנג,
דער פאַסטעך האָט דיינע שאָף פאַרלאָזט
און ס'איז דיין קלוגשאַפט שוין באַדעקט מיט ראָסט" (ז' 222).

הנוך שווערדיק קאָן מיט דער לאַגע פון דער יידישער שפּראַך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט מסכּים זיין. ער גלייבט נאָך, אַז די מאַכט, די רעגירונג קאָן עפּעס אויפטון און ראַטעווען די יידישע שפּראַך פון פולקאָמען אויסגיין. ער קלאַפּט אין אַלע טירן, ער רופט:

"איר הערט ווי די יידישע דיכטונג רופט,
ווי אונדזערע לידער בעטן,
ברידער דיכטער, גיכער שטייט אויף
מען מוז די דיכטונג רעטן". (דאָרטן ז' 325).

עס איז אָבער שוין ניט געווען ווער עס זאָל דאָס טון. זיין רוף איז געווען אַ קול קורא במדבר. אַפילו דער געניאַלער ש. מיכאָעלס האָט שוין גאָר ניט געקאָנט מאַכן. די אַפּישן פון דעם יידישן טעאַטער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דרוקן מיט רוסישע אותיות...

* * *

און איצט לאָמיר זיך פון דעסטוועגן אַ נייג טאָן צו די גדולי הדור, צו די כהנים (ווי עס רופט זיי אָן ש. גאָרדאָן אין זיין ראָמאַן "יזכור" - 1990), צו די קדושים, שבחייהם ובמותם לא נפרדו - צו די וועלכע האָבן געלעבט, אויסגעהאַלטן אַלע פּייניקונגען און דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען - אַפילו דער טויט האָט זיי ניט צעשיידט. מיר האָבן דאָ אין זינען קודם כל דעם גאונישן, שטענדיק באַגייסטערטן פּרץ מאַרקישן, דעם ווונדער לעכן "זינגפויגל" - שמואל האַלקין, דעם פאַרכשופטן דוד האָפשטיינען און די צוויי תנאים ד. בערגעלסאָן און דער נסתר.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל איז ניט מעגלעך צו געבן אַפילו אַן אויבערפלעכלעכן איבערזיכט פון זייער שאַפן. זייער לעבן און זייער איבערגעלאָזענע ירושה פאָדערט אַז וועגן זיי זאָלן ווערן אָנגעשריבן מאָנאָגראַפיעס. דאָ אָבער מוזן מיר זיך באַגרענעצן מיט דער פראַגע, וועלכע דרינגט אַרויס פון אונדזער טעמע - אויף וויפל האָט זיך פאַרהיט אין זייערע ווערק, אין זייערע לידער און ראָמאַנען דאָס "פּינטעלע ייד". צי זיינען זיי געווען און פאַרבליבן יידיש-נאַציאָנאַלע שרייבער, אָדער, אפשר האָבן די באַדינגונגען פון דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט פאַרלאָשן אין זיי דעם רוח הקדש?

ווי עס איז באַוווּסט איז פּרץ מאַרקיש געווען דער באַגייסטערטער זינגער פון דעם ראַטן-פאַרבאַנד. פריוויליק האָט ער זיך אומגעקערט פון פוילן קיין רוסלאַנד און האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור - פּאָעזיע און פּראָזע - מיט אַ גרויסער צאָל לידער, פּאָעמעס, דראַמאַטישע שאַפונגען און ראָמאַנען. אין 1929 יאָר איז אַרויס פּרץ מאַרקישעס גרויס פּראָזע-בוך "דור אויס דור איין". אין בוך פינקלט, לויכט און הויבט אָן זיך צעפּאַלן דאָס יידישע שטעטל. די שילדערונגען זיינען געשריבן מיט גרויס פאַרליבטקייט, מיט לירישן מיטגעפיל און מיט לייד. די גאַנצע אידעע פון דעם בוך איז דורכאויס אַ נאַציאָנאַלע. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע "די קופּע". מיט איר טראַגיק און גבורה קאָן זי פאַרגליכן ווערן צו ח. ביאַליקס משא מנמירוב. וועגן דעם איז שוין געווען ניט איין מאָל געשריבן. און אויב עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן פּרץ מאַרקישעס פאַרליבטקייט אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, מוז דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז אָט די פאַרליבטקייט האָט צו זיין אומגליק צוגעצויגן צו זיך די פיילן פון דער סאָוועטישער קריטיק. אָט ווי אַזוי עס טאַדלט אים מ. ווינער:

"פּרץ מאַרקיש האָט ליב געהאַט צו קאָקעטירן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען דורך סענטימענטאַלער ליריק".

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט. פּשוט אַ קליין מסירהלע.

שטרענגער און דראַסטישער באַגייט זיך מיט דעם דיכטער משה קאַמענשטיין. אין 1932 יאָר פאַרעפנטלעכט דער קריטיקער אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער שמייסט פּ. מאַרקישן, אַזוי צו זאָגן:

"מאַרקיש געפינט נייטיק איבערצודרוקן פון זיין קליינבירגערלעכן באַגאַזש אַזעלכע פּערל: "משיח עס גייען הערצער נאָך דיר אויס", אָדער "עס וויינט די וועלט, ווי עס וויינט אין אַ חופּה-טאָג אַ כלה" (....) "הערט זיך נאָר איין, מיט וואָס פאַר אַ פּאַטאָס באַזינגט ער ארץ ישראל, די בערג פון גליל, דעם תנ"ך, די שטאָט ירושלים" (...) דאָס איז אַ פּאָעזיע, וואָס אויב זי וואָלט נישט געווען, וואָלטן די ציוניסטן זי באַדאַרפט אויסטראַכטן".

פון מ. קאַמענשטיינען שטייט ניט אָפּ עוזר האַלדעס. ער באַשולדיקט פּרץ מאַרקישן אין נאָך אַ גרעסערן חטא. ער ציטירט פּ. מאַרקישעס פּערזן:

"ערד און הימל
טאַטעס פון די מערק און זיידעס פון די גריבער,
זיצן זיי באַ חורבות פון נביאים
און בלעטערן די בלעטלעך ווי די ביבל".

שוין פאַר דעם אליין - פאַר דעם דערמאָנען דעם חומש, די נביאים - דאַרף מען געבן דעם דיכטער מלקות.

אויך אין דעם גרויסן ווערק "מלחמה" בלייבט מאַרקיש טריי זיין שטאַנדהאַפטיקן אני מאמין. ווען מיר זאָלן וועלן ברענגען אויסצוגן פון דעם דאָזיקן בוך - ציטירן עכט יידישע בילדער, תפלות בלחש און הימל-געשרייען, וואָלטן מיר באַדאַרפט איבערשרייבן גאַנצע זייטלעך, גאַנצע קאַפּיטלען. נאָר בעסער דאָס לייענען אין אָריגינאַל. וועגן איין סצענע אין דעם קאַפּיטל כל נדרי מוזן מיר אָבער דאָ דערמאָנען. פּרץ מאַרקיש פירט אַרויס אַן אַכציק-יאָריקן ייד, אַ קינסטלער וועלכן דער שונא נייט ערב יום כפור גראָבן פאַר זיך אַ קבר:

..."ס'האָבן די הענקער לוין צו דער מיל געבראַכט
און אין די הענט געגעבן אים אַ רידל
אַן אויפגעהענגענע האָט זיך געוויגט די נאַכט,
געשפּילט אין ווינט-מיל אָרקעסטער האָט כל נדרי".

און ווייטער מיט גרויס צאָרן און דערהויבענער קדושה מאָלט פּ. מאַרקיש דאָס שרעקלעכע בילד:

"און ווי אויף שניצעריי דעם לעצטן מאָל געשטעלט
האָט לוי אויפן שטערן זיך צום לעצטן מאָל פאַררוקט די
ברילן,
"נאָר עס איז איצט כל נדרי אויף דער וועלט
און גראָבן מיט אַ רידל אין יום כפור איז אַ חלול"
אַ ווילע נישט באַנעמענדיק אויף אַקוראַט
און ווי אַ לייב מיט אַ געברום - על דעת המקום
האָט ער אַ לאָז געטאָן דעם רידל אויפן קאַט,
און ווי אַ האַלצערנע קלאָץ געגעבן אַ בראָך אים".

אָט דעם דאָזיקן "כל נדרי", דעם נקמה-אויסרוף "על דעת המקום", ווי אויך דעם דיכטערס הספד-פּאָעמע: "ש. מיכאָעלס - אַ נר תמיד באַם ארון" האָבן סטאַלינס סאַטראַפּן און זיינע רוצחישע משרתים ניט געקאָנט פאַרגעסן, ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ שרעקלאָזער געוואַגטקייט דער דיכטער האָט דעמאַסקירט דיווירקלעכע באַנדיטן, וואָס האָבן דערהרגעט ש. מיכאָעלסן. זיי האָבן ניט געקאָנט שענקען דעם פּאָעט זיין עזות, דאָס וואָס ער האָט געוואַגט אָנווייזן אויף די "מאָרדצייכנס און לעסטער" אויף מיכאָעלס פּנים, און אויף דער "האַנט פון מאָרד".

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט פּרץ מאַרקיש אונטערגעשריבן זיין אייגענעם פּסק-דין.

עטלעכע טעג פאַר דעם ווי פּ. מאַרקיש איז אַרעסטירט געוואָרן האָט אים צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס אליעזר פּאָדריאַטשיק. ער דערציילט, אַז דער דיכטער איז געווען אויפגערעגט, ער האָט געאיילט - ער איז געווען פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדירן

די וואַלן פון ריכטער. ער האָט געמוזט פּראָפּאַגאַנדירן די "ריכטיקייט", וואָס האָט געהערשט אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. ער האָט אָבער געפילט, אַז אָט די גערעכטיקייט וועט מאָרגן אכזריותדיק אומגערעכט אים אומברענגען. "אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אומרו, פייער־פונקען זענען געפלויגן פון זיין מויל, און דעם גאַנצן וועג האָט ער געברוימט אַ ניגון פון איכה". אויף אַ. פּאָדריאַטשיקס פראַגע האָט פּ. מאַרקיש געענטפערט:

הער, הער! סאַראַ פּרעכטיקע ווערטער -
אלהים אל דמי לדמי, אל תחריש ואל תשקט למקוממי.
בקשהו דרשהו מיד מחרימי
בל תכסה ארץ בכל מקומי.

און האָט פאַרטייטשט: "גאָט, פאַרשווייג ניט דאָס אומשולדיקע בלוט, גיב ניט קיין זעט און קיין רו די פאַרדאַרבערס".

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען פּרץ מאַרקישן אַרעסטירט.

דאָס אייגענע האָט געטראָפן מיט ש. האַלקינען. (זע מיינע 2 עסייען אין "יידישע קולטור" נומ. 4 ז"ז 19-26, 1992, און אין "חשבון" נומ. 120, 1992, ז"ז 18-23) און אויך - מיט דוד האָפּשטיינען. צווישן זיינע אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט זיך געפונען אַן איבערזעצונג פון דעם קאַפּיטל ק"כ תהילים - גאָט מיין גאָט, באַהילף מיך און באַראָט / צו דיר איך שריי און דו ענטפער מיר גאָט / גאָט ראַטעווע מיך פון פאַלשע רייד און אָפּנאַרערס/ (...) וויי, וויי! וואָס געוווינט האָב איך אַזוי לאַנג אין פרעמדע געצעלטן (...) געוואָלט שלום מאַכן מיט די וואָס האָבן פאַרגוואַלטעוועט וועלטן"...

דוד האָפּשטיין האָט געוווסט וואָס פאַר אַ קאַפּיטל תהלים איז אַקוראַט אָנגעמאָסטן געווען פאַר אים, דעם איש תם. און אויך פאַר זיינע פען־חברים, וועלכע זיינען אומגעקומען פון פאַלשע רייד און "ליגנערישע ווערטער", וואָס זיינע "ווי פיילן פון מערדער" געווען אָנגעצילט אין אים.

און צום סוף נאָר עטלעכע ווערטער פון אונדזערע צוויי תנאים - פּראָזאיקער דוד בערגעלסאָן און דער נסתר (פּנחס קאַהאַנאָוויטש). לויט זייערע כאַראַקטערן, לויט זייערע מעטאָדן פון קינסטלערישן שאַפן, לויט זייערע וועלט־אַנשויאונגען זיינען זיי געווען אַנטיפּאָדן. עס איז באַוווסט, אַז ניט שטענדיק האָבן זיי געלעבט צווישן זיך בשלום, צייטנווייז געווען ברוגז איינער אויף דעם אַנדערן. אָבער ביידע זיינען זיי געווען אייניק אין זייער ליבע צום פאָלק, צו דעם יידישן לשון, צו דער יידישער ליטעראַרישע טראַדיציע. און ביידע זיינען זיי געפאַלן על קדוש השם.

ווי עס איז באַוווסט, איז ד. בערגעלסאָן געווען אַן אַפּיקורס. זיין צוגאַנג צו רעליגיע און טראַדיציע איז געווען אַ משכילעשע, אָבער אין זיינע דערציילונגען און, באַזונדערס אין דער דראַמע "לא אמות כי אחיה" טרעפן מיר ביז גאָר וואַרעמע באַציאונגען, ליבשאַפט און אָפּשיי פאַר דעם יידישן לעבן. אין דער דערציילונג "אַן עדות" זאָגט דער ייד: "ווי קאָן איך שטאַרבן? איך בין דאָך אַן עדות". די זעלבע ווערטער האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק איבערגעחזרט דער אַמאָליקער סאָוועטיש־יידישער שרייבער שמואל גאָרדאָן, וועלכער האָט אין עלטער פון 80 יאָר אָנגעהויבן דרוקן זיין "יזכור" אין "יידישע קולטור" - שוין דערשינען אַ קאַפּיטל פון דעם צווייטן טייל). אויך שמואל גאָרדאָן איז דער לעצטער עדות פון די געפערלעכע געשעענישן, וועלכע זיינען פאַרלאָפן מיט אים און הונדערטער יידישע קינסטלער אין די יאָרן 1948־1952.

## משה שקליאַר

# טראָפּנס גליק

די נאַכט האָט נישט געבראַכט קיין רו,
דער ים האָט זיך נאָך מער צעוויגט
און כוואַליעס פּויקן אינעם ברעג
ווי אַ פאַרטויבנדע מוזיק
פון וועלכער ס'פּלאַצט דאָס האַרץ.

אַ שאַרפער בליץ האָט ווי אַ מעסער
די שוואַרצקייט דורכגעשניטן
און צוזאַמען מיטן דונער
האָבן שטערן זיך גענומען שיטן
און פאַרשווונדן אינעם ים.

מיט אַ מאָל דער ים האָט זיך צעעפנט
און ס'האָט אַ פליץ געטאָן אַ שטראָם מיט ליכט.
געזוכט האָב איך די שטערן אין זיין טיף
און געפונען - זיך...

*

פאַר טאָג האָט אַלץ זיך איינגעשטילט.
כוואַליעדיק דער ים זיך וויגט
און ווי ווייט עס גרייכט דער בליק
איז מילד אַזוי, איז מילד.

אַ מילדער בלוי הילט אַלץ אַרום,
די ווייטע בערג, דעם טיפן טאָל,
און איבער זיי גייט אויף די זון
ווי נעכטן, ווי אַ מאָל, אַ מאָל...

גלייך קיין זאַך וואָלט דאָ נישט געשען,
קיין שטורעם נישט, קיין פייער-פלאַם,
און כ'האָב מיין שטערן נישט דערזען
פאַרלעשן זיך אין טיף פון ים.

---

און פאַרענדיקן דעם אַרטיקל ווילט זיך מיט דעם דיכטער אהרון צייטלינס ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס הייסט זיין אַ ייד? "זיין אַ ייד הייסט אייביק לויפן צו גאָט, אַפילו, אַז מ'איז אן אַנטלויפער. זיין אַ ייד הייסט ניט קאָנען אַרויס פון גאָט אפילו אַז מען וויל עס. ניט קענען אויפהערן תפלה צו טון אַפילו נאָך אַלע תפלות".

די סאָוועטיש-יידיש ליטעראַטור האָט ניט געפירט צו גאָט. פון אירע ערשטע טריט ביז צום סוף איז זי געווען אַן "אַנטלויפערן". מיט אַלע אירע כוחות האָט זי זיך באַמיט דערווייזן, אַז זי איז חס ושלום ניט קיין "נאַציאָנאַלע לויט איר תוך", נאָר אַ יידישע "לויט איר פאָרעם". נאָר דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. ווייל זי איז פאָרט געווען אַ נאַציאָנאַלע לויט איר פּנים און לויט איר אָנגעווייטיקטער נשמה.

ניט געקוקט וואָס די צייט האָט אַראָפּגעפירט די שרייבערס און פאָעטן פון דעם דרך הישר, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער ירושה פון דעם יידישן גייסט. אין זייערע לידער און פּראָזע-ווערק, וועלכע זיינען אָפט געווען פאַרשוואַרצט (שחרחורת), פלעגן זיך אָפט באַווייזן ביז גאָר ציכטיקע וואַסער-ברילאַנטן, וואָס זיינען געווען ווייס כיריעות שלמה.

אין דעם איז באַשטאַנען די טראַגעדיע פון די סאָוועטיש יידישע שרייבערס, די דראַמע פון זייער אינערלעכער צעצווייאיקייט. אָבער זייער שאַפן איז אַריין ווי אַ וואַגיקער רינג אין דער "גאָלדענער קייט" פון דער יידישער קולטור. און מיט דעם האָבן די שעפער פון דער דאָזיקער ליטעראַטור פאַראייביקט זייערע נעמען.

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים.

*

די וועסלע איז נאָך פעסט פאַרדריקט
אין פינעף־פינגערדיקן קלעם
און טראָפּנס שוויס, ווי טראָפּנס גליק
פאַלן אויף מיין גרויער ברעם.

פאַראַנען כוחות נאָך געגוג –
ווער קאָן דען וויסן אויף ווי לאַנג –

איז פּיר מיך שיפל פלינק און קלוג,
ס'איז נאָך ווייט ביז צום פאַרגאַנג,

ביז גרייכן כ'וועל דעם הימל־בלוי
וואָס אָט ר'איז נאָנט און שוועבט פאַרביי –
איך ווייס שוין באַלד נישט ווי אַזוי,
נאָר שווימען איז נאָך אַלץ כדאי...

*

און איך וואָלט אויך אַ טאַנץ געטאָן
צום ריטעם פונעם ווינט און קלאַנג,
נאָר ס'איז נישט מער מיין ליד, מיין טאָן,
נישט מיין געזאַנג.

די עלעקטראָנישע מוזיק
פאַרהילכט, מיר דאַכט, אויך זיך אַליין,
איך הער שוין גאָרנישט מער, מיין בליק
פאָלגט נאָך בלויז דעם געדריי

פון הענט און פיס און פיס און הענט,
און טראָגט אַוועק מיך אויף צוריק,
צו אַן אַנדערער מוזיק,

וואָס האָט אַ מאָל אין ליד געברענט.

איך טראָג מיט זיך זיי אומעטום,
די ווערטער פון אָט יענעם ליד:
"מיידל קום,
גיב אַ האַנט און נעם אַרום"...
און זי שטרעקט אויס צו מיר איר האַנט,
און איך גיי אַנטקעגן בלינד,
נאָר צווישן אונדז – אַ פייער־וואַנט
און זי פאַרשווינדט, פאַרשווינדט...

עס רוישט דער ים און די מוזיק
וואָס טראָגט אַוועק מיך אויף צוריק.

---

אַלע מיינע חברים און פריינד וואָס האָבן מיך דערמוטיקט מיט שריפט און וואָרט אין די שווערע טעג פון מיין קראַנקהייט – אַ האַרציקן דאַנק.

**משה שקליאַר**

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:
**NATHAN STEINMAN**
12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049
Phone: (213) 820-2976
**פאַרוואַלטונג "חשבון"**

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# אין קאַמער נומער 20

## (זכרונות פון אַ שטורמישער צייט)

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין פּאָרט לאַרנאַקאַ. דאָס איז אַן אַלט־פעניציש שטאָט. טומלדיק און ברויזנדיק. נאָענט צו דער געזאַלצענער אַזיערע שטייט אַ מצבה אויפן קבר פון סיט אָם האראם, די מומיע פון דעם אַראַבישן נביא מאַכמעד. די שטאָט לאַרנאַקאַ איז פאַרכאַפּט און באַהערשט געוואָרן פון אַראַבער אין יאָר 632, לויט דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

אין דעם נייעם שטאָט־טייל שטייט אַ גרויסע קירך. אָבער קירכעס און הייליקטימער זיינען אויפן אינדזל ציפּערן אָפט געוואָרן פאַרניכטעט, באַזונדערס אין די צייטן פון אינוואַזיעס און פעלקער־מלחמות. אַפילו אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1921 איז די גרויסע סטאַטוע פון זענאָן דעם סטאָיקער, אַ געבוירענער אין לאַרנאַקאַ, צעשטערט געוואָרן.

דער סודאַנער וועג־ווייזער פון דער עקסקורסיע האָט נישט געוואָלט אויסמיידן צו ווייזן פאַר זיינע טוריסטן קיין איין וויכטיקן פּונקט דורך דעם דריי־פערטל טאָג, וואָס דער אויטאָבוס האָט אונדז געפירט איבער די בערג און טאָלן פון ציפּערן. ס'איז שוין געווען שטאָק פינצטער. אַ האַלבע שעה איידער מיר זיינען אָנגעקומען צום האָטעל, זיינען מיר נאָך אָפּגעטראָטן אין פּאַפאָס, צו זען דאָס געבורט־אָרט פון דער גריכישער אַפראָדיטע, די געטין פון ליבע. די שטאָט הייסט פּאַפאָס אויפן נאָמען פונעם זון פון פּיגמאַליאָן.

די גריכישע לעגענדע דערציילט, אַז פּיגמאַליאָן, אַ סקולפּטאָר, האָט אויסגעקנאָטן פון ליים אַ וווּנדער־שיינע פרוי. דערזעענדיק די שיינקייט פון זיין ווערק, האָט ער געבעטן ביי ווענוס, אַז זי זאָל אַריינבלאָזן אין זיין שאַפונג דעם אָטעם פון לעבן. ווענוס האָט אים צוליב געטאָן און די סטאַטוע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראַכטפולער פרוי. דער באַגייסטערטער פּיגמאַליאָן האָט מיט איר חתונה געהאַט און עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון פּאַפאָס.

די שטאָט פּאַפאָס ווייס צו פאַרצייכענען נאָך דאַטעס וואָס דאַרפן, ווי אָרנאַמענטן, באַצירן די אַריינפאַר־טויערן.

סערגיוס פּאַולוס, דער רוימישער גובערנאַטאָר, איז דאָ אָפּגעטויפט געוואָרן אויף אַ קריסט דורך די צוויי שמד־פּאַטערס סעינט פּאול און סעינט באַרנאַבאַס. די קריסטלעכע לעגענדע וויל אויך דערציילן, אַז אימאַם, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן די צוויי קריסטן, איז בלינד געוואָרן. אין שטאָט ווייזט מען אויך דעם זייל, צו וועלכן סעינט פּאול איז צוגעבונדן געוואָרן דורך די איינוווינער.

עס שמעקט דאָ מיט געצנדינסט און מיט קריסטלעכן ווייררויך. נישטאָ קיין געדעכעניש פון אַ ייד אויף מיילן. עס ווילט זיך צוריקגיין צו די לאַגערן פון פּאַמאַגוסטאַ, צו די אָפּגעשונדענע געצעלטן, אַרום וועלכע עס פלאַקערן די פייערן פון דער "האַראַ". ס'ווילט זיך צוריקגיין צו די בונטאַרן פון ציון, הגם דאָרט - ווייס איך - לויערן אויף מיר די בריטאַניער, די אָקופּאַנטן פון יהודה.

מיר זיינען געבליבן געכטיקן אין פּאַפאָס.

די ענגלענדער האָבן אויף מיר געלויערט.

דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געקומען אַ סך פריער. ווי כ'האָב דערוואַרט, די בריטאַניער, וואָס זיינען פלעגמאַטיש ביים דורכפירן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, וואָס זיינען נאַכלעסיק ביים אָפּשטעלן די אַראַבישע אַריינדרינגער פון עבר הירדן - די זעלבע בריטאַניער זיינען געווען איבערראַשנדיק פלינק אין זייער געיעג נאָך אַ יידישן צייטונגס־מענטש, אַן "אומלעגאַלן" אימיגראַנט.

דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען כ'האָב זיך צעשיידט פון די טוריסטן אין פאַפאָס און בין צוריקגעקומען קיין פאַמאַגוסטאַ, אין לאַגער "קאַראולוס", האָט אויף מיר שוין געוואַרט דער שומר פון מיינע דאָקומענטן. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, קורץ ווי אַן אורטייל:

- אייערע דאָקומענטן זיינען ביי די ענגלענדער.

- זיי האָבן אייך רעווידירט?

- זיי האָבן רעווידירט פיר לאַגערן. אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געווען באַשעפטיקט מיט די זוכונגען. כ'האָב געשטופּט די דאָקומענטן פון איין לאַגער אין צווייטן, פון איין האַנט אין דער אַנדערער... פאַרנאַכט האָבן זיי דאָס געפונען.

- הייסט עס, כ'דאַרף זיך ריכטן יעדע רגע?

- פאַרלאָזט זיך אויף די ענגלענדער! - האָט מיין דאָקומענטן־שומר אַ שמייכל געטאָן.

- זיי וויסן אַפילו, אַז איר זייט אַוועק מיט די טוריסטן. זיי האָבן מער שפּיאָנען ווי סאָלדאַטן... נו, וועלן מיר זיך באַלד דאַרפן געזעגענען.

- פאַרוואָס?

- זיי וועלן אייך דעפּאָרטירן....

כ'האָב געוווּסט, פּונקט ווי מיין גוטער לאַגער־ייד, מיין דאָקומענטן־שומר, אַז מיין פרייהייט גילט נישט מער, אַז דער אורטייל וועט זיין דעפּאָרטאַציע. פון דעסטוועגן האָט דאָס, וואָס דאַרף קומען ביי מיר אַרויסגערופן - אויסער אומרו - אויך שפּאַנונג.

אַרום מיר האָט זיך געזאַמלט אַ רעדל. טייל האָבן מיך פּרובירט טרייסטן, אַז מיר, אַ זשורנאַליסט, קענען זיי גאָרנישט טאָן. אַנדערע האָבן אַפילו נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג מיך צו באַרואיקן. פאַרקערט, זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך די לעצטע געשעענישן אין ארץ ישראל, באַזונדערס נאָך דעם אויפרייס פון דער עכּוער תפיסה, ווען אַריבער צוויי הונדערט אַרעסטאַנטן - סיי יידן, סיי אַראַבער - זיינען אַנטלאָפן, האָבן די ענגלענדער אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען קעגן אַלע יידן, אָן אונטערשייד וואָס פאַר אַ "פאַרברעכן" זיי זיינען באַגאַנגען.

אַן אַלטער לאַגער־תושב, אַן איבערגעוואַקסענער יונג מיט אַ טאָלסטאָי־באָרד, האָט מיט ביטול צו מיר אַ מאַך געטאָן:

- איר וועט נישט געניסן קיין פּריווילעגיעס... זיי וועלן אייך גלייך צוריקשיקן.

- פון ווען אָן ביסטו אַזאַ בקי אין אימיגראַציע־געזעצן? - האָט מיין דאָקומענטן־שומר אים געפרעגט.

- כ'דאַרף נישט זיין קיין בקי - האָט דער איבערגעוואַקסענער טאָלסטאָיעץ גענומען פאַרטייטשן, אָנווייזנדיק אויף מיר - ביי מיר איז ער אַ כשרער ייד... אָבער לויט די איינוואַנדערונגס־געזעצן איז ער באַגאַנגען דאָ, וואָס די ענגלענדער רופן "אָפענס". דערצו האָט ער נישט קיין ארץ ישראל־וויזע, וועלן זיי אים דעפּאָרטירן.

- כ'זע נישט, מען זאָל דעפּאָרטירן די אומלעגאַלע אַראַבער, וואָס לויפן אַריבער די בריק פון עבר הירדן און בלייבן אין לאַנד...

- דו מיינסט די אַראַבישע "מעפּילים"? - האָט עמיצער זיך צעלאַכט.
- יאָ.
- נו, וועסטו זיי רופן קנאַקניסל! - האָט דער טאָלסטאָיעץ קאָלט אַ זאָג געטאָן.
דאָס רעדל אַרום מיר האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן. איין לאַגער האָט געזאָגט, אַז מען וועט זיך מיט מיר באַגיין מיט מידת הרחמים. דער צווייטער לאַגער האָט פאַרזיכערט, אַז די ענגלענדער וועלן אָנווענדן קעגן מיר די מידת הדין.
כ'האָב אויסגעהערט די וואָרנונגען און - מערקווירדיק! - זיי האָבן מיך נישט געשראָקן. אָבער פונקט ווי יעדע אומפאַרמיידלעכע פּאַסירונג, וואָס מען האַלט אין דערוואַרטן, אַזוי האָב איך שוין געוואָלט, אַז די באַגעגעניש מיט די בריטישע אימיגראַציע-זשאַנדאַרן זאָל וואָס גיכער אַריבער. און ווי מען וואָלט געוווסט, אַז דאָס זיינען די לעצטע שעהן אויף דעם אינדזל ציפּערן, האָבן עטלעכע פלמ"ח-בחורים מיר געבראַכט אַ פּאָר קליינע מתנות מיטצונעמען אין וועג: אַ בראָנזענעם אָרנאַמענט אויסגעאַרבעט פון די ציפּערן-מעפּילים, אַ פּאָר אָרטיקע מטבעות און אַ קפּריסין-עמבלעם, אויסגעפורעמט ווי אַ מגן-דוד. דער עמבלעם, פון ניקל, האָט געהאַט אַן אויסגראַווירטן ציפער 13, די אויפשריפט קפּריסין און די דאַטע 1947. דער דאָזיקער עמבלעם איז געגעבן געוואָרן בלויז צו די פלמ"ח-מיטגלידער וואָס האָבן באַזוכט ציפּערן.
איך האָב דעם בראָנזענעם אָרנאַמענט באַהאַלטן אין דער וואַליזע, די מטבעות אַריינגעלייגט אין קעשענע און דעם עמבלעם פאַרשטעקט, אַז אַ בריטישער רעוויזאָר זאָל דאָס נישט געפינען.

* * *

ווען דער טורמע-סערזשאַנט האָט פאַר מיר אויסגערעכנט די נייע רעסטריקציעס, וואָס ווערן אָנגעווענדט קעגן די אַרעסטאַנטן זינט ס'איז פאַרגעקומען דער אויפרייס אין דער עכוער תפיסה, האָב איך אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט זיין רויט, אָנגעצונדן פּנים. איך האָב זיך שפּאַסיק אָנגערופן:
-וואָס האָב איך צו טאָן מיט דעם אויפרייס אין עכו? איר ווילט זיך אָפּרעכענען מיט מיר, אַ גאַסט אין אייער געפענגעניש? איר ווילט זיך אפשר נוקם זיין אָן אַ ייד פון אַמעריקע? וואָס פּראַקטיצירט איר דאָ, ראַסן-דיסקרימינאַציע?
דער סערזשאַנט איז געוואָרן אויפגערעגט:
- פאַרזיכטיק, מיסטער, מיט אייערע אויסדרוקן! איך בין נישט קיין געשטאַפּאָ-מענטש, און ראַסן-דיסקרימינאַציע איז נישט מיין אַרבעט. איך פיר בלויז דורך באַפעלן.
-אַזעלכע באַפעלן?
- איך אַליין בין נישט קיין ענגלענדער - האָט דער סערזשאַנט ווייטער גערעדט - כ'בין אַן אירלענדער. אָבער ווען כ'גיי היינט אַרויס אין גאַס, בין איך פונקט אַזוי באַדראָט דערשאָסן צו ווערן ווי יעדער אַנדערער ענגלענדער!
- פירט נישט אַרויף אויף פּאָליטישע שמועסן - האָב איך פאַרלאַנגט - איר זייט דאָ אַ באַאַמטער. און ווי אַ באַאַמטער באַגייט איר אומרעכטן! איך פאַרלאַנג תיכף פאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול.
- דער אַמעריקאַנער קאָנסול ווייס וועגן אייך...
- אין דעם צווייפל איך. און אויב עס וואָלט אַפילו געווען אמת, איז דאָס אויך

ווייניק. איך וויל צו אים טעלעפאָנירן און אים איינלאַדן אַהער.

– דאָס קענט איר נישט טאָן פון דער תפיסה. אייער פרייהייט איז באַגרענעצט. איבעריקנס, דאַרפט איר צאָלן די קאָנסעקווענצן. איך האָב אייך נישט געהייסן קומען אַהער אויף אַן אומלעגאַלער שיף.

איינטעגהן מיט דעם אירלענדישן גזלן, וואָס האָט 25 יאָר נאָך אירלאַנדס באַפרייאונג, אַ האַרץ צו דינען אין אַ בריטישער תפיסה, איז געווען איבעריק. איך האָב זיך געלאָזט אַרויף צו מיין קאַמער.

אויבן צווישן מיינע פינף קאַמער-שכנים איז נישט געווען קיין שטימונג פון דעפעטיזם – אַ פלמ״חניק, אַ שטערניסט, צוויי אירגוניסטן, אַ בריגאַדיר – מען האָט פאַרגעסן, אַז מען זיצט אין תפיסה. מען האָט געקייט די רעשטלעך פון די שוואַרצע פיטעס און באַוואונדערט דעם געוויקס פון נגב. טעג פון תפיסה וועלן קומען, טעג פון תפיסה וועלן גיין, אָבער דערוויל דאַרף מען מאַכן פלענער ווי אויסצובריייטערן די מעפילים-עליה, אַריינברענגען וואָס מער יידן. מען קוועלט אָן, וואָס די ברעגעס פון מפרץ חיפה זיינען פאַרזייט מיט פרוכטיקע ישובים.

פון דעם אַראַבישן קאַפע-הויז, וואָס שטייט בשכנות פון דער תפיסה, האָבן געגרילצט הייזעריקע טעגער. ס'איז געווען די ראַדיאָ-שעה פון ירושלים, וואָס האָט געלאָזט הערן דאָס אַראַבישע קול. די הייזעריקע טענער האָבן זיך געקרייזלט, האָבן געכאָרכעלט איינטאָניק און איינגעוויגט צום שלאָף די געפאַנגענע פון דער קאַמער נומער 20.

נאָך דעם ווי די צווייטע נאַכט אין תפיסה איז אַריבער, האָב איך זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט. מיינע שכנים-אַרעסטאַנטן זיינען געזעסן אויף זייערע געלעגערס און פלייסיק געקנאַקט די כנים. עס איז נישט געווען קיין אומווירדיקייט אין דער באַשעפטיקונג. עס איז אויך נישט געווען קיין קאָמיזם אין דער פּאָזיציע פון די אַרעסטאַנטן. אין דער בריטישער תפיסה אין חיפה איז דאָס געווען אַ טעגלעכע רוטין, פונקט ווי וואַשן דאָס לייב, אָדער צושנורעווען די שיך.

פון דרויסן אויפן באַלקאָן האָט זיך געטראָגן אַ קלינגעריי פון בלעכענע טעפלעך און קולות אויף אַראַביש. דאָס האָט דער קוכער מיט זיין געהילף געגרייט פאַר די אַרעסטאַנטן דעם פרישטיק. באַלד האָט ער דורך די קראַטעס אַריינגעגעבן האַלבע טעפלעך טיי. דער געהילף האָט נאָכגעטראָגן די פיטעס – די שוואַרצע פלעצלעך מיט דעם טעם פון זויערן ליים – און די אַרעסטאַנטן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום אָנבייסן, ווי נאָך אַ תענית.

אַ האַנט האָט אַריינגעוואָרפן דורך די קראַטעס אַ צייטונג. איז עס געווען די האַנט פון דעם יידישן פּאָליציאַנט? איז דאָס געווען די האַנט פון דעם אַראַבישן "אומבאַטשי"? אַלץ איינס! די צייטונג איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון דרויסן, אַ דערמאָנונג, אַז עמיצער האַלט אַן אויג אויף דער קאַמער נומער 20.

כ'האָב אַ נעם געטאָן די צייטונג. ס'איז געווען די "פּאַלעסטיין פּאָסט", די יידישע צייטונג אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס ווערט געלייענט פון אַלע גוטע און שלעכטע ענגלענדער אין לאַנד.

אויף דער פראָנט-זייט איז נאָך אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן די דעפּאָרטירטע פּאַסאַזשירן פון דער שיף "התקוה", וועלכע געפינען זיך אין ציפּערן, כאָטש ס'זיינען שוין פאַרביי עטלעכע טעג נאָך דער לאַנדונג. אַ שרייענדיקער קאָפּ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ס'איז געווען אַ קאָלום וועגן מיין אַרעסט.

די צייטונג האָט דערציילט, אַז איך, דער שליח פון ניו־יאָרקער "מאָרגן זשורנאַל", בין מיטגעפאָרן מיט דער "התקוה" ביז ציפּערן, בין דאָרט געכאַפּט געוואָרן, צודיקגעבראַכט געוואָרן קיין חיפה און פאַרשפאַרט געוואָרן אין תפיסה. דער קאָלום האָט אויך איבערגעגעבן, אַז כ'קען נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער אַגענטור, מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול און כ'בעט זיין אינטערווענץ. דער אַמעריקאַנער קאָנסול, אינפאָרמירט וועגן מיין אַרעסט, זאָל האָבן געמאַכט אַזאַ דערקלערונג:

"דאָס זיינען אומגעוויינלעכע אומשטענדן, אַז אַן אַמעריקאַנער זאָל זיך דאָרט געפינען..." און האָט באַלד גענומען אינטערווענירן ביי די בריטישע אויטאָריטעטן.

די רעזולטאַטן פון דער אינטערווענץ האָב איך אַזוי גיך נישט געזען. אָבער דאָס געפיל, אַז מיינע טענות זיינען דאָך דערגאַנגען צו עמיצנס אויערן - האָט געוואַרעמט און געהייטערט. אויפגעמונטערט פון דער נייעס האָב איך אויסגעזופּט אויפן ניכטערן מאָגן דאָס האַלבע טעפּל טיי, וואָס האָט געשמעקט ווי אַ שטאַרקער טרונק שנאַפּס.

מיין שכן דוד בוזאַגלאָ, דער הנעוודיקער ספרדישער בחור, האָט מיר דערציילט, אַז נאָך קיין מאָל האָבן די ענגלענדער זיך נישט באַצויגן אַזוי פּרעך צו אויסלענדישע בירגער, ווי איצט. אין די טערקישע צייטן האָט מען אַ פרעמדן באַהאַנדלט מיט פּריווילעגיעס, ווי אַ פּרינץ. פאַר באַליידיקן אַ רוסישן ייד - אין די צייטן פון סולטאַן - האָט אַן אַראַבער געקראָגן מלקות, אמתע שמיץ אויפן נאַקעטן לייב, פאַר דראָען אַ פראַנצויזישן ייד איז אַן אַראַבער פאַרשיקט געוואָרן קיין עכו. זיין פאָטער אַליין, דער אַלטער בוזאַגלאָ, איז געווען אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט ביים טערק. האָט מען אים אַריינגעזעצט אין תפיסה אויף צוויי טעג. אָבער יעדע נאַכט האָבן די טערקן דערלויבט זיין זיידן, דעם גאָר אַלטן בוזאַגלאָ, צו קומען אין תפיסה נעכטיקן מיט דעם אַרעסטאַנט, טאָמער האָט ער מורא אַליין צו שלאָפן...

אַ שעה שפּעטער, ווען מיר זיינען אַרויס אין הויף זיך אָפּוואַשן, האָט זיך פון איינער פון די אונטערשטע קאַמערן געהערט אַ קלאַפּעריי און טראַסקעריי מיט די פיס אַן דער אייזערנער טיר. דאָס קלאַפּעריי איז געווען באַגלייט פון גוואַלדן און קולות אויף אַראַביש. אַלע אַראַבער זיינען שוין געווען אין הויף, בלויז דער איינער איז געווען פאַרשפּאַרט. אָבער די אַראַבער, וואָס זיינען געווען אין הויף, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום דער קאַמער און געלאַכט:

- אַ משוגענער יאַהוד!

כ'בין צוגעגאַנגען צו דער פאַרשפּאַרטער קאַמער. הינטער דער טיר מיט קראַטעס איז געווען אַ יידישער אַרעסטאַנט, אַן עלטערער פרענק, אַ ספרדי פון ירושלים. מען האָט אים אַריבערגעפירט קיין חיפה. ער ווייס נישט פאַרוואָס. ער ווייס בכלל נישט פאַרוואָס זיין וווין־אָרט איז אַ תפיסה־קאַמער. אָבער פון דער ירושלימער תפיסה קען ער זיך נישט אָפּלויבן. אַ גן עדן! - האַלט ער אין איין איבערחזרן און לייגט צו צוויי פינגער צו זיין מויל - אַ גן עדן איז דאָרט!

דער פרענקישער ייד האָט נישט געוואָלט בלייבן צוזאַמען מיט אַראַבער אין איין קאַמער. ער האָט געוואָלט גיין אין דער יידישער קאַמער. געוואָלט דאַוונען, געוואָלט עסן יידישע מאכלים. ער איז געווען באַרעכטיקט דערצו. אָבער דער ענגלישער סערזשאַנט און דער אַראַבישער "אומבאַטשי" האָבן אים געהאָרכט ווי די וואַנט.

דער טונקל־הויטיקער ספרדי איז געוואָרן שוואַרץ פון כעס. זיינע האַרטע שטשאָקעס

## הערלד בלאַק / בעטעסדאַ*

# סימפּאָניע

אין טונקעלן ליכט פֿו קאָנצערט־זאַל
הער איך זיך איין צו בעטהאָווענס
פֿידל־קאָנצערט וואָס שוועבט פֿאַרביי
די קרישטאָלענע שענדעלירן.

די טענער ברענגען צוריק זכרונות
וועגן מיין מוזיק־לערער, ביי וועמען
איך האָב געלערנט שפּילן פֿידל.
זיין נאָמען איז געווען סילווערשטיין.

איך בין געווען אַ ייִנגל, מיט אַ
דאָלאַר, צוגשטאָכן צו מיין העמד,
פֿאַר מיין לערער מיטן טרויעריקן
בליק, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿון מיר
מאַכן אַ יאַשאַ חפֿץ, אַ מישאַ עלמאַן...

נישט געקוקט אויף מיין מאַמעס חלום
און אירע
באַמיאונגען, בין איך נישט געוואָרן
אַפֿילו קיין סילווערשטיין. איך
האָב געשפּילט מוזיק אויף אַ ביליקן
מעגנאַוואָקס, וועמענס גראַמאָפֿאָן

---

האָבן געציטערט. די ליפּן האָבן געבלעזלט. אַלץ אין אים איז פֿון געווען מיט מרידה. ער האָט געשריען:

– צוויי פֿעלקער זיצן אין דעם לאַנד און ווילן לעבן בשלום, קומט דער אינגליזי, דער הזירישער ענגלענדער, און וויל אָנמאַכן מהומות... בחיי! ביי מיין לעבן! אינגליזי – זיפּטי (ענגלענדער טויגן אויף כּפּרות!)

אין זיינע געשרייען, אין זיין מאַכן סקאַנדאַלן האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען אַ צעדולטער. ס'איז בלויז געווען אַ מאָמענט פֿון צעדרודערונג פֿון האַסטיקן אויסברוך. ער האָט אַפּעלירט אַז די יידן אין תּפֿיסה זאָלן אים העלפֿן, ער וויל זיין צווישן יאַהודים. ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן לוסטיק און זיך צעשריען:

– פֿאַרוואָס האַלט מען מיך אַרעסטירט? צוליב אַ געשלעג? כ'האָב נישט געהרגעט קיין ענגלענדער! כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת! פֿאַר תּוצרת הארץ (געמיינט האָט ער צו זאָגן: בנין הארץ) וועל איך טאָן אַלץ, אַפֿילו ממיתן ענגלענדער.

זיין קאָפּען מיט די פֿיס אין דער אייזערנער טיר איז געוואָרן שטאַרקער. זיינע געשרייען זיינען איבערגעגאַנגען אין אַ וואָרנונג:

– אַז כ'וועל אַרויס פֿון דאַנען, וועל איך ווערן אַ לח"י־קעמפֿער! כ'וועל וואַרפֿן באָמבעס... כ'וועל אויפֿרייסן באַנען... בריקן וועל איך צעשמעטערן... קיין איין ענגלענדער וועט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פֿון אונטער מיינע הענט...

ס'איז אָנגעלאָפֿן דער סערזשאַנט, אַ צעטומלטער. דעם פֿרענקס געוואַלדן האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ פֿאַרלעגנהייט. עס איז אַן אַלטער כּלל אין די בריטישע טורמעס, אַז פֿאַר אַן אַרעסטאַנט אַ בונטאָווטשיק, וואָס סטראַשעט נאָך צו באַגיין אַ גוואַלדטאַט – האָט מען מורא. אָבער די מורא טאָר נישט אַרויסגעוויזן ווערן. דער סערזשאַנט האָט געשריען, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וועט דעם מורד באַשטראָפֿן מיט קאַרצער, אָבער אין דער אמתן האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן. די אַראַבער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, האָבן געלאַכט אין די פֿויסטן, פֿאַרשטאַנען זיין אָנמעכטיקייט. ענדלעך האָט דער סערזשאַנט געהייסן עפֿענען די טיר און מיט קללות אַרויפֿגעטריבן דעם בונטאָווטשיק צו דער ייִדישער קאַמער.

האָט זיך געוואַקלט ווי פאַלשע ציין.

איצט זיץ איך אין קאָנצערט־זאַל
און הער יצחק פערלמאַן.
איך האַלט מײַנע אויגן פאַרמאַכט

און ווי אַ מאָלעריי פון שאַגאַל,
שוועבט אין מײַן דמיון פאַרבײַ
מײַן לערער סילווערשטיין,
מיט זײַן סמיטשיק אויף אַ
שטילע פידל...

## די קינדער

אוי, די קינדער,
זיי זענען דײַנע,
מײַנע און קיינעמס.

די קינדער שלאָפן
אויף דער בעניטאַ
יאַרורעז גאַס
אין זייערע מאַמעס אָרעמס.

די מאַמעס פאַרקויפן ניס,
קאַשטאַנעס ציטערן אין
דער נאַכטיקער קעלט.

ביים לבנה־שיין קלעטערן
די קינדער איבער
קאַראַקאַס פאַרצוימונגען,
שנאָרן קליינגעלט פון טוריסטן.

אוי, די קינדער פון האַרלעם

זיי ברעכן ווי כוואַליעס
קעגן די געביידעס
אין מיטן יולי־נעכט.
זיי זענען שאָטנס
געוואָרפן פון גאַס־לאַמפּן
קעגן דעם שוואַרצן אַספאַלט.
זיי וועלן פאַרשווינדן
מיט זון־אויפגאַנג.

אוי, די קינדער פון רײַכע
היימען, זיי זיצן מיט פוסטע,
הוילע בליקן אין די נעכט.
זיי שווייגן, אומבאַוועגלעך,
בלויז די קעפּ שאָקלען זיך...

שטיל, קינדער דאַרפן שלאָפן שוין.
אָבער, זיי זענען נישט דײַנע,
נישט מײַנע. קיינעמס נישט...

## אַנטיקן

אין אַ מזלדיקער שעה וועט מײַן מאַמע,
געזונט זאָל זי זײַן, זיך אַריבערציִען
אין אַ קלענערער דירה. נו? האָט זי
גענומען איבערקלײַבן אירע אָנגעזאַמעלטע
אוצרות, וואָס מיטצונעמען מיט זיך.

זיצט זי נעבעך און זיפצט: וואָס קען
מען אַוועקוואַרפן פון די אַנטיקן
אָנגעזאַמלטע פאַר די לעצטע אַכציק יאָר?
מ׳קען מיינען אַז די גלעזער זענען קרישטאָל.
געמאַכט פון אימפּאָרטירטן שוועדישן גלאָז.

י. פינער / פּאַריז

# דער קאַרשנבוים

## געווידמעט רחל קאָרן
(דערציילונג)

"קליינע קינדער -קליינע צרות, גרויסע קינדער - גרויסע צרות"...
נישט אַלע קינדער זענען גלייך אין זייער באַנעמען זיך לגבי זייער מאַמען, נישט אַלע מאַמעס - לגבי די קינדער. ס'טרעפט, אַז אַ מאַמע און אַ קינד זענען - צוויי וועלטן. דעמאָלט קומען אויף מיספאַרשטייעניש, קולות, געוואַלדן, ביז משפחה-סקאַנדאַלן.
זעקס קינדער זענען געווען ביי רחלעס מאַמען, יינגלעך און מיידלעך. און מאָדנע - ווי זי וואָלט געווען נישט איין מאַמע, נאָר -זעקס מאַמעס. זי האָט זיי אַלע ליב געהאַט, אָבער ס'זענען געווען מדרגות. מ'דאַרף זאָגן, אַז מער פון אַלעמען האָט זי ליב געהאַט איר טעכטערל רחלע. דאָס איז געווען איר "ראָזשינקע". מיטן ליד "ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" פלעגט זי דאָך איינשלעפערן די קינדער, ווען זיי זענען קליין געווען, דער עיקר רחלעס ברידערלעך, וואָרעם זיי האָבן דאָך געזאָלט פאָרן "האַנדלען", ווען זיי וועלן ווערן גרויס, און לערנען "תורה", די בעסטע סחורה...

*

צאַרט איז זי געווען, רחלע, אַ ציטערדיק קינד אין איר מאַמעס אויגן, אָפּגעהיט איר פון אַן עין הרע. אָבער מיט דער צייט איז רחלע אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דער

---

דער אַלטמאָדישער ראַדיאָ־קאַבינעט איז שוין
לאַנג צעבראָכן, די צוויי טעלעוויזיעס
האָבן שוין אויסגעלעבט זייערע יאָרן און
שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער זע־קראַפט,
זענען שטום געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק.

די שאַנק איז פול מיט קליידער וואָס זי האָט
שוין יאָרן נישט געטראָגן, דאָס מעטאַלענע
בעט אויף וועלכן זי איז אַ מאָל געשלאָפן,
קרעבצט און הינקט־אונטער, אויב חלילה־וחס
עמיץ וויל זיך אַוועקזעצן אויף אַ רגע...

וואָס הייסט אַוועקגעבן אַזעלכע פוכענע קישנס?
אין גאַנצן אַ יאָרהונדערט אַלט, אַ מתנה געווען
פון איר מאַמע. "גאָט אין הימל" -זיפצט זי -
"ווי אַזוי קען איך מאַכן אַזעלכע ערנסטע באַשלוסן?
עס איז דאָך ממש ווי אַוועקגעבן אַ קינד"...

---

*) די לידער האָבן מיר באַקומען
צוגעשיקט איבערגעזעצט פון ענגליש. רעד.

אייגענער מוטער. עפּעס האָט זיך געבונטעוועט אין דער קליינער רחלע. אפשר דערפאַר, ווייל ס'איז געווען קינדערישע אייפערזוכט. דער מאַמעס ליבע צו איר האָט גענומען פאַלן שווער. ס'האָט איר אַוודאי אויך פאַרדראָסן, וואָס די מאַמע באַציט זיך מיט נישט ווייניק ביטול צום פאָטער זייערן, אַ ייִד אַ תלמיד־חכם. ס'האָט אויסגעזען, ווי די מאַמע וואָלט זיך באַמיט אָוועקצונעמען זיין אויטאָריטעט ביי די קינדער.

דאָס געשעט אין אַ סך משפחות - די ייִנגלעך טוליען זיך מער צו דער מאַמען, און די מיידלעך צום טאַטן. אַ מין עדיפּוס־קאָמפּלעקס.

דאָס איז אויך אפשר געווען די סיבה, וואָס די עלטערן און קינדער האָבן זיך צעשיידט. טאַטע־מאַמע זענען פאַרבליבן אין דאָרף, און די קינדער זענען זיך צעפלויגן, ווער קיין וואַרשע, ווער אין אַן אַנדער שטאָט. דער עלטסטער זון, שמוליק, איז אַוועק אַזש קיין פּאַריז.

דעמאָלט איז רחל שוין געווען אַן אינטעליגענט מיידל, האָט פיל געלייענט, און איז נאָכגעגאַנגען דעם שטראָם פון דער פאַר־מלחמהדיקער יוגנט, אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די עלטערן האָבן שטאַרק געציטערט איבערן מיידל, זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין תפיסה, אָבער רחלע איז זיך געגאַנגען איר אייגענעם וועג, ביי די עלטערן גאָרנישט געפרעגט. ביז - רחלע איז אַרעסטירט געוואָרן, מ'האָט זי איינגעזעצט אין תפיסה. מען קען זיך פאָרשטעלן דעם עגמת נפש פון טאַטע־מאַמע, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט פון דעם אומגליק.

אַרעסטירט האָט מען זי אין דער דערבייאיקער שטאָט טשענסטאָכאָוו - פּאָליציי, פייניקונגען, פאַרהערן. מילא, אַרומגיין שפּאַצירן מיט בחורים, אַרומטראָגן זיך מיט ביכלעך, פּראָקלאַמאַציעס; אָבער אין אַזאַ ביטערער צייט, ווען דאָס לעבן פון יידן איז געווען נישט זיכער, מ'האָט זיך געריכט אויף פּאָגראָמען. רחלע האָט זיך געבונטעוועט קעגן די עלטערן, וואָס פאַרשטייען נישט, אַז נישט גאָט, נישט משיח, וועלן אויסלייזן פון אַלע צרות, נאָר דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף וועט באַפרייען פון דחקות און נויט, און אויסלייזן די גאַנצע וועלט...

אָבער ווען די עלטערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז רחלע זיצט אין תפיסה, זענען זיי שוין אין גאַנצן געווען אומגליקלעך. וואָס האָבן זיי דען געקענט טאָן - תהילים זאָגן? שרייען צו גאָט? גיין איינרייסן קברים? זיי האָבן גאָר אָנגעהויבן וואַרפן די שולד איינער אויפן אַנדערן. ירוחם האָט געהאַט טענות צו זיין ווייב, הלמאי זי האָט דער טאָכטער אַלץ נאָכגעגעבן, און אַז דאָס איז זי שולדיק, וואָס רחלע איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן. דבורה, ווידער, האָט געטענהט, אַז ער, דער מאַן, איז דער תליון, דער גזלן. צוליב אים זענען אַלע קינדער אַנטלאָפן פון שטוב. וואָלט ער נישט געווען אַזאַ שלימזל, אַזאַ בטלן, אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף אירע פּלייצעס - טראָגן קינדער, האָדעווען זיי, ברענגען זיי צו גאָט און צו לייט, פאַרדינען אויף חיונה און נאָך דערצו פאַרצעווען אין שטוב. ער איז אויך אַ כעסן, האָט נישט אויסגערעדט צו די קינדער קיין גוט וואָרט. ווען נישט דאָס אַלץ, וואָלט אפשר צו די אַלע צרות נישט געקומען...

*

אַ שיינע פּאָר חדשים איז רחלע געזעסן אין דער טשענסטאָכאָווער תפיסה, ביזן פּראָצעס. זי האָט זיך געפילט נישט אַזוי שלעכט. אין דרויסן, אויף דער פריי, האָט זי קיין מאָל נישט קיין צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך אַליין. זי האָט זיך טייל מאָל איינגעקוקט אין פאַרשטויבטן תפיסה־שפּיגל און דערזען - זיך אַליין. אירע

גרויסע, טונקעלע מאַנדל־אויגן זענען, פּונקט ווי ביי איר מאַמען, לויכטן אַרויס מיט אַ גלענצל פון די לאַנגע וויעס. אַ לענגלעך פּנים, צאַרט, בלייך; פולע, תאווהדיקע ליפּן, אַ קליין חן־פּעפּערל אויף דער באַק. ווייסע צאַרטע הענט. אַלץ ווי ביי איר מאַמען.

און מאָדנע, אַצינד איז איר די מאַמע טייערער געוואָרן, און ס'האָט איר באַנג געטאָן וואָס זי האָט זיך אַזוי דערווייטערט פון איר אייגענער מאַמען. "מאַמע... – האָט זי געמורמלט – איך הער דיינע תפילות, דיינע גוטסקייטן, וואָס איך האָב אַזוי נישט דערשאַצט"...

און זי האָט זיך אויסגעמאָלן איר היים, איר קינדהייט, דאָס דאָרף, ווו זי איז געבוירן געוואָרן. צווישן די חברים פון שטעטל, געדענקט זי, האָט מען אָפט דיסקוטירט, נישט בלויז וועגן רעוואָלוציע... קאַפּיטאַליזם, וועגן דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט וואָס וועט קומען, נאָר אויך וועגן פרייער ליבע, אין אַ געזעלשאַפט, פריי פון פאָראורטיילן. אָבער ס'פלעגט פאַרבלייבן בלויז ביים רעדן. ווער האָט דען צייט געהאַט, וועמען איז דען געלעגן אין קאָפּ, צו געניסן פון דער יוגנט?

רחלע האָט אַצינד געלעבט בלויז אין דער פאַנטאַזיע. זי האָט זיך דערמאָנט די צעבליטע סעדער אין היימישן דאָרף, די פרוכט־ביימער, אָפּגעשאָטן אין ווייסן צוויט. דער קאַרשנבוים, וואָס פלעגט זיך פרילינג־צייט צעבליען הינטערן פענצטער פון איר צימערל. דאָס האָט איר אָנגעפילט מיט הייץ, מיט אַ גרויסער בענקשאַפט. זי האָט געחלומט אויף דער וואָר פון די פרילינגען, זומערס, האַרבסטן און ווינטערס; אַפילו פון די שניי־שטורעמס אַרום דער פאַרלאָזענער כאַטע, ביים ראַנד פון וואַלד, ווו קיינער טרעט מער קיין מאָל נישט אַריבער די שוועל.

*

די טורמע איז געווען אַן אַלטע, מיט גראָבע ווענט, דיקע, אייזענער טירן, ווי אַ פעסטונג. וויפל מען האָט אַהין אַריינגעזעצט אַרעסטאַנטן, האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ס'איז נאָך פאַרבליבן גענוג אָרט פאַר נייע קרימינעלע און פּאָליטישע. ס'איז געווען אַן ענגאַשפט אין די צעלעס, מען איז געלעגן קאָפּ־אויף־קאָפּ.

פאַרן פּראָצעס איז אָבער רחלע געזעסן אין אַן איינצל־קאַמער, אַ קעמערל, פיר איילן אויף פיר איילן, ווי אַ הינער־שטייג. חברים, גוטע פריינד האָבן איר געבראַכט פּעקלעך, עסנוואַרג, קליינע מתנות, און זי האָט געפילט, אַז זי איז נישט אַליין אויף דער וועלט, פאַרלאָזן פון אַלעמען.

ביז צום משפּט האָט מען אָבער קיינעם צו איר נישט צוגעלאָזן; ווייל כל זמן עס גייט די אויספאָרשונג, טאָר זי מיט דער דרויסנדיקער וועלט נישט האָבן קיין שום מגע ומשא. יעדער קאָנטאַקט איז פאַרווערט.

די פּעקלעך עסן, אָנטועכץ האָט זי באַקומען פון דער מאַמען דורך דער טורמע־וועכטערין. די מאַמע איז יעדע פּאָר טעג געלאָפן די אַכט קילאָמעטער צו דער תפיסה, צו דער טאָכטער; זאָל זי כאָטש עסן כשר – האָט די מאַמע זיך געזאָרגט – און אפשר וועט זי קענען כאַפּן אַ קוק אויף רחלען, ווי זי זעט אויס. זי האָט זיך געבעטן רחמים ביים תפיסה־קאָמענדאַנט, ער זאָל איר כאָטש איין מאָל צולאָזן צו דער טאָכטער. אָבער ס'האָט סיי ווי גאָרנישט געהאָלפן: ניין און ניין!

*

יענעם שבת וועט רחל אייביק געדענקען. די תפיסה־וועכטער זענען אַריין אין איר קאַמער, אויפגעפאָדערט זי זאָל זיך אָנטאָן אין אירע שענסטע קליידער. זי האָט דאָס

**פיניע פלאָטקין**

# די קרעניצע

ניט אין האָבער, ניט אין קאָרן - אויבנאָן,
הינטער באַלקע לאַנגע יאָרן וואַקסט אַ קליאָן.
ניט ער שטיפט און קאָן ניט רוען - שטייט ניט איין -
דאָרט אַ קרעניצע געפונען האָב איך היינט.
כ'ווייס ניט וועלכער שד, פון וואַנען, קומט צוגיין
און, אָן מורא וואַרפט אַריין אַהין אַ שטיין,
און אַ צווייטן, און אַ דריטן - ניט געאײַלט,
ביז פון אַלץ, וואָס דאָרט געווען איז גאָרנישט בלייבט?
שוין פאַרוואָקסן ווערט מיט ווילדע גראָז געדיכט
דאָרט די סטעזשקע, וועלכע האָט צו איר געפירט,
ווו אַ מענטש פלעגט אָפט זיך אָפּשטעלן און דאָרט
שטילן ניט געאײַלטערהייט דעם דאָרשט.

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

ניט זי ווערט פאַרפאַלן תיכף, ניט זי רווישט,
נאָר, פונקט ווי אַ ליכט, פאַרשווינדט, גייט אויס.

---

מאָל באַקומען אַן אויסנאַם־דערלויבעניש, אויף פינף מינוט, נישט מער, צו זען איר מוטער.

זי האָט אויפגעציטערט, באַקומען אַ שאָק. אָבער רעדן וויל זי נישט דערפון, אַפילו היינט; זי וויל זיך נישט צורירן צום קנויל געפילן, וואָס זי באַהאַלט טיף אין איר האַרצן.

"וואָס - האָט זי זיך דעמאָלט געזאָגט - וועט זי זאָגן דער מאַמען אין פינף מינוט?... וואָס וועט איר די מאַמע פרייער פרעגן?"...

און אָט שטייט פאַר איר די מאַמע, אַ שווייגנדיקע. פון איר פנים לייכטן אַרויס אירע טרויעריקע אויגן; ליבע, קלוגע מאַנדל־אויגן.

– מאַמע! האָט זי אויסגעשריגן און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם - דער קאַרשן־בוים ביי מיין פענצטער האָט שוין געבליט?...

– כ'ווייס נישט, טייער קינד - האָט די מאַמע געזאָגט - פון יענעם טאָג אָן, ווען מ'האָט דיך אַוועקגעפירט פון הויז, איז דאָס פענצטער פאַרהאָנגען, די ליכטיקע שיין זאָל נישט אַריינקומען, ביז דו וועסט צוריקקומען...

מער האָט די מאַמע נישט געקענט אַרויסברענגען פון מויל. הינטער זיי האָט די הייזעריקע, שטרענגע שטימע פון הויפּט־וועכטער אויפגעפאָדערט דער מאַמען צו פאַרלאָזן די תפיסה...

– מאַמע טייערע... וויפל וואונדער האָסטו אַריינגעזאָסן אין מיין לעבן, כ'זאָל דיך אייביק געדענקען...

פאַראַן אַזאַ ציטער, אַן אומרו, וואָס פאַרזינקט אין שטילקייט און בלייבט אייביק צו פאַרגעדענקען...

## בלעטערפאַל

ניט אָפּט די זון באַווייזט זיך און גינציג שיינט.
דער לעצטער קורצער פּרייטיק. און דאָס באַטייט:
צו אונדז דער ווינטער קלעטערט. עס רוט די ערד.
די לעצטע גרינע בלעטער. זיי איז באַשערט
נאָך אויף די ביימער הענגען לעם פּלויט, לעם שטאַל,
ווי שפּעט עס ווערט פאַרענדיקט דער בלעטערפאַל.
דער הימל, אָבער, אויבן, פון אומעטום
האָט האַסטיק זיך געצויגן בלויז צו דער זון,
און, אין דער צייט דער זעלבער, אָן הילף, אָן שפּייז
וועט באָדן זיך, ווי זילבער, אין שטיקער אייז.

## מערסטנטייל פאַראייניקט

דער אויגנבליק באַ איר - די צוויי שוואַרצאַפּלען
ווי מיט אַ סקאַלפּעל שאַרף מיין פּנים דראַפּעט.
זיי גריבלען זיך אין אים, ניט זעלטן צערטלען,
און וואַרעמען, און בייסן, ביז ס'קומט דער עלטער.
אָ, וואָס דערנאָך פּאַסירט - ניט אַלע ווייסטן:
פלאַגן, אונטער ביידע אויגן קנייטשן.
דער אויגנבליק בא איר, ווען פול מיט חן איז,
אונדז קאָן צעשיידן, מערסטנטייל פאַראייניקט.

## ווער בין איך

ס'וועט דער געפרירטער ליגן אויפן דאַך,
ביז פעסט וועט זיך באַשטימען דער פרימאָרגן.
כ'בין עלנט ווי די בלום, ניט אייך געדאַכט,
וואָס האָט זיך לעבן פאַרקן איינגעאָרדנט.
כ'בין דער, וואָס וויל די זון זאָל ניט פאַרגיין,
און ס'זאָל אַ רעגן דורכגיין ערב שבועות.
כ'בין דער, וואָס ווינטער וואַלגערט זיך אין שניי
און זומער - מיט די קאַלטע שטערן שמועסט.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# די יידיש־הומאַנע וועלט פון מאַרק שאַגאַל

ס'איז אַנגענומען, אַז צווישן אַלערליי קונסט־געביטן איז פאַראַן אַ קרובהשאַפט מיט פּאָעזיע. ווייזט אויס, אַז אויפן מיטאָלאָגישן פּאַרנאַס־באַרג, ווו די מוזעס גיבן אַכטונג אויף זייערע באַגאַבטע מענטשן־קינדער, איז דאָ גרויס אָנטציקונג פאַר פּאָעזיע. געפינען מיר טאַקע נאָענטקייט למשל צווישן דעם סורעאַליסטישן שאַגאַל און אונדזער איציק מאַנגער, די גאָלדענע פּאַווע, וואָס זוכט די נעכטיקע טעג, הגם ער האָט זיי, ווי שאַגאַל, קיין מאָל נישט פאַרלוירן. אין ביידע קינסטלער ווערט אָפט פאַרווישט די גרענעץ־ליניע צווישן פאַנטאַזיע און רעאַלקייט. פאַר ביידע זענען דער שפּילעוודיקער פאָלקלאָר, די פאָלקס־מענטאַליטעט, דער קרומער שפּיגל, גראָטעסק, שפּיל פון וואָרט, פאַרב, באַוועגונג און אַנדערע ענלעכע עלעמענטן די קוואַלן און תמצית פון זייער שאַפן. אָבער להיפוך צו מאַנגערן, וועלכער איז אויפן גאַנצן לעבן פאַרקנסט צום אייגענעם יידישן גורל, האָט אין שאַגאַלס גראַנגל פון זיין פאָלקישער יידישקייט מיט דער אוניווערסאַלער פאַרבלענדעניש שטענדיק דעצידירט זיין קינסטלערישער עגאָ, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט צומאָל קעגן פּינטעלע ייד, וואָס האָט געטליעט אין זיין נשמה.

1

זינט יאָרן איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע צי ס'איז פאַראַן יידישע קונסט און וואָס איז איר מהות. אַ צאָל יידישע וואָרטזאָגער האָבן געהאַלטן, אַז נאַציאָנאַלע קונסט קען זיך נאָר אַנטוויקלען אין אַן אייגן לאַנד. ווייסן מיר אָבער, אַז יידישע קינסטלער האָבן אין פאַרמלחמהדיקן מזרח־אייראָפּע, ווו ס'איז געווען אַ שפּרודלדיק פאָלקס־לעבן געשאַפן יידישע קונסט. ס'זיינען אויך געווען וועלט־באַרימטע קינסטלער פון יידישן שטאַם, אַסימילירטע, נישט יידישע יידן וואָס ווערן פאַרעכנט ווי אוניווערסאַלע מאָלער, למשל פּיסאַררא, מאָדיליאַני, אַנטאָקאָלסקי, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט רוסיש־פּאַטריאָטישע מאָטיוון, וכדומה. אַ גרויסע צאָל יידישע מאָלערס, סקולפּטאָרן האָבן געפונען שעפערישע אינספּיראַציע אין אייגענע פאָלקס־מאָטיוון פון שטעטל און גרויסשטאָטישן געטאָ: וואַסערטרעגער, קלעזמער, חתונות, טראַדיציאָנעלע מאָטיוון, פון דער ליטעראַטור, תנ״ך, געשיכטע, מיסטיציזם און יידיש געמיט. יידישע מאָלערס האָבן נישט אויסגעמיטן איינפלוסן פון שולן, באַוועגונגען פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער אין פאָרם און אין תוכן. אַ צאָל פון זיי זיינען געוואָרן וועלט־באַרימט, מחמת זייער קונסט האָט געטראָגן דעם חותם פון יידישער הומאַנישקייט, ווי זשאַק ליפּשיץ, מאַנע קאַץ, מאַקס וועבער, סוטין, ליסיצקי, מאָריצי ליפּשיץ פון פּוילן, יהודה פּען - דער לערער פון מאַרק שאַגאַל.

באַנאַנד מיט דער אַנטוויקלונג פון יידישער קונסט איז געווען אַ טענדענץ אַריבערצושפּרייזן דעם יידישן תחום אין דער כישופדיקער ברייטער וועלט, ספּעציעל פּאַריז, מאָנפּאַרנאַס - דער קונסט צענטער פון אַמאָליקן אימפּרעסיאָניזם, ביז די מאָדערניסטישע ריכטונגען פון אונדזער יאָרהונדערט. און אויף אַלע וועגן האָט דעם יידישן קינסטלער באַגלייט זיין טראַדיציאָנעלע קינדהייט, וואָס האָט געזוכט אַ תיקון

אין זיין שאַפערישער וועלט.

מאַרק שאַגאַל, די לעגענדע פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט פענטען פון דאָגמעס און אידעאָלאָגיעס און זיך שנעל באַפרייט פון אַלערליי קונסט־דיקטונגען, דאַדאַיזם, קוביזם, פוטוריזם, אָדער פון לינקן אַוואַנגאַרד, האָט אַריינגעניגונט אין זיינע פייער־קאָליריקע, פאַנטאַסמאַגאָרישע געמעלן די וועלט פון זיין קינדהייט, די טראַדיציע און יידישן פאָלקלאָר פון שטעטל באַנאַנד מיט דער ווייסרוסישער, דאָרפישער לאַנדשאַפט; די קאָרנפעלדער גאָרטנס, צערקוועס און סטאַדעס ציגן און די היימישע קו מיט אירע טרויעריקע אויגן וואָס שפּילט אויפן פידל פאַרן היימלאָזן ייד וועלכער זיצט אויף אַ שוועל מיט אַ ספר תורה אויפן פידל אָרעם; און מער פון אַלץ זיין משפחהדיקע וויטעבסק וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט אין זיין קאָליריקער קינסטלערישער וועלט. שאַגאַל איז נישט געווען קיין ציוניסט, און נישט פּראַקטיצירט רעליגיע און דאָך האָט ער דערקלערט בפרסיה: ווען איך בין נישט קיין ייד, בין איך נישט קיין קינסטלער. די דערקלערונג איז פאַקטיש אין סתירה צו זיין אַני מאַמין, אַז אמתע קונסט איז אוניווערסאַל, אינטערנאַציאָנאַל.

שאַגאַל און זיין פרוי בעלאַ האָבן גערעדט יידיש, קאָרעספּאָנדירט מיט יידישע שרייבער און זשורנאַלן אויף יידיש; די זכרונות פון זיין לעבן און בעלאַס "ברענענדיקע ליכט" זיינען אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין מאַמע לשון. אין 1951 האָט ער פאַרעפנטלעכט לידער אין "די גאָלדענע קייט". מיר האָבן געלייענט זיינע פּילצאָליקע בריוו צו סוצקעווערן מיט וועמען ער האָט אָנגעהאַלטן אַ וואַרעמע חברשאַפט. שאַגאַל האָט געמאַכט אילוסטראַציעס פאַר ווערק פון יידישע שרייבער, ווי שלום עליכם, דער נסתר, סוצקעווער א.א. דאָס יידישע געמיט חלומט אַרויס פון זיינע סורעאַליסטישע וואַנט־געמעלן אין די אָפּערעס פון פּאַריז און ניו־יאָרק; אין דער יו־ען, כנסת א.א. די וועלט פון לענדער און קולטורן האָט אים אָנערקענט ווי דער גרעסטער קינסטלער פון יאָרהונדערט מיט זיינע מיסטישע מאָטיוון, ליבשאַפט צו מענטש און באַשעפעניש, מיט סימפּאַטיע פאַר ליידנדיקע אין טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר קיום; מיט די מעטאַפאָרן, פאָעטישן ממעמקים, געקרייציקטע יידן, ועל כולם דער יידיש פליענדיקער נע ונד איבער וויטעבסק.

2

אין דער "אַרס פּאָעטיקאַ" איז גילטיק דער פון לאַנג באַקאַנטער צוגאַנג, אַז ס'איז פאַראַן אַ שיכות צווישן דער שאַפערישקייט און דעם קינסטלערס לעבנס־וועג פון זיינע סאַמע וואָרצלען ביז דער שפּעטערער אַנטוויקלונג און קריסטאַליזירונג פון אייגענעם סטיל און השקפה. שאַגאַלס ביאָגראַפן באַמיען זיך דערפאַר אויסצוגעפינען ירושה־שפּורן פון קינסטלערישער גאונות אין זיין משפחה. ווייזט אויס, אַז שאַגאַלס עלטער־זיידע איז געווען אַ טאַלאַנטפולער מאָלער וואָס האָט דעקאָרירט די מאָהילעווער שיל. שאַגאַל דערמאָנט אים אין זיינע זכרונות: "אַ שאָד וואָס מיין עלטער־זיידע האָט מיך נישט גענומען צו הילף... בלאָז אַריין אין מיר אַ, בערדיקער זיידע מיינער, כאָטש עטלעכע טראָפּנס פון יידישן אמת". (דערמאָנט פון ש.ל. שניידערמאַן). זיינע פרומע עטלערן אָדער זיידע האָבן מעגלעך צוליב רעליגיעזע רעסטריקציעס דערשטיקט דעם באַגער צו צייכענען. אין מאַרק שאַגאַלן האָט דער עלטער זיידע פון הונדערט יאָר צוריק געפונען אַ וווּנדערלעכן תיקון.

מאַרק שאַגאַל איז געבוירן געוואָרן אין 1887 אין ליאָזנאַ, 50 מייל פון וויטעבסק.

זיין פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען סעגאַל. דער טאַטע איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ הורטאָווניע פֿון הערינג און געפֿירט די פּעסלעך אין געשעפֿטן, ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה פֿון פֿרומקייט, געלערנט אין חדר און איז געגאַנגען אויך אין אַ רוסישער פֿאָלקס־שול ווו ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן זיין אַרטיסטישער טאַלאַנט. נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפֿט פֿון טאַטן האָט אים די מאַמע געשיקט אין אַן אָרטיקער קונסט־שול. אין 1906 קריגט ער אַ סטיפּענדיע צו לערנען אין דער אימפּעריאַלער קונסט־שול אין פּעטערסבורג. ער קריגט שפּעטער אינסטרוקציעס פֿון לעאָן באַקסט אין דער סוואַנסעוואַ שול. אַ יידישער אַדוואָקאַט פֿאַראינטערעסירט זיך מיטן יונגן קינסטלער און העלפֿט אים פֿאָרן שטודירן אין פּאַריז. דאָרט, אין די יאָרן פֿון 1910 ביז 1914 אַנטוויקלט זיך זיין קינסטלערישער סטיל, און אין 1914 האָט ער אַן אויסשטעלונג אין בערלין. אין זעלבן יאָר קומט ער אַהיים קיין וויטעבסק און באַלד ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. ער ווערט מאָביליזירט אין דער אַרמיי און צוגעטיילט צו אַן אָפּיס וואָס דערמעגלעכט אים צו מאָלן. אין 1915 האָט ער חתונה מיט בעלאַ ראָזנפֿעלד וועלכע ווערט זיין אַספּיראַציע און מאָדעלקע אין אַ גרויסער צאָל פֿון זיינע בילדער.

אין אָנהייב פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ווערט שאַגאַל באַשטימט פֿון לונאַטשאַרסקין ווי דער קאָמיסאַר און דירעקטאָר פֿון דער קונסט־אַקאַדעמיע אין וויטעבסק. לונאַטשאַרסקי, אַ שרייבער און קולטור־היסטאָריקער, פֿריינד פֿון לענינען און קאָמיסאַר פֿון קולטור און דערציאונג אין דער סאָוועטישער רעגירונג, האָט געהאַט פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן סוררעאַליסטישן קינסטלער; אָבער אין יענער צייט ווען קונסט איז געוואָרן אָפּגעשאַצט לויט דער ניצלעכקייט פֿאַרן פֿאָלק, וואָס דאָס האָט געמיינט פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרן רעזשים, פֿאַר דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָט דער מאַרקסיסטישער קינסטלער מאָל דערבראַכט צו שאַגאַלס רעזיגנאַציע.

שאַגאַל קומט קיין מאָסקווע און ווערט אַנגאַזשירט אין מלוכהשן יידישן קאַמער־טעאַטער ווו ער מאָלט זיינע פֿאַנטאַסטישע דעקאָראַציעס פֿאַר אַ שלום־עליכם פֿאַרשטעלונג און אַנדערע יידישע פֿאָרשטעלונגען. די ליכטיקע געמעלן פֿון אַ חתונה, זיינע וויזיעס, פֿאַרטראַכטע סימבאָלן, אויסטערלישע מאָדעלן פֿאַר די מלבושים פֿון די אַקטיאָרן (צווישן אַנדערע - מיכאָעלס און זוסקין) האָבן פֿאַרוואַנדלט די פֿאָרשטעלונג אונטער דער רעזשי פֿון גראַנאָווסקין אין אַ פֿאַרכישופֿטן חלום. די דעקאָראַציעס - וואַנט־געמעלן זיינען אין די סטאַלין־יאָרן פֿאַרוויקלט געוואָרן אַרום וואַלצן און פֿאַרשטעקט צווישן באַהאַלטענע אַרכיוון ביז דער רעגירונג פֿון ליבעראַלן גאָרבאַטשאָוו. וועגן יענע באַהאַלטענע שאַגאַל־געמעלן איז אַ סך געשריבן געוואָרן. אין 1992 זיינען די דעקאָראַציעס געוויזן געוואָרן אויף אַן אויסשטעלונג אין דער איסט־סייד, ווי אַן אָפּטיילונג פֿון דעם גוגענהיים־מוזעום.

די מאָדערניסטישע קונסט־שולן, פּיקאַסאָס קוביזם, פֿוטוריזם, שאַגאַלס סוררעאַליזם איז דער סאָוועטישער מאַכט נישט געווען צום האַרצן. שאַגאַל פֿאַרלאָזט מאָסקווע און באַזעצט זיך אין פּאַריז, ווו דער קינסטלער קען זיך פֿריי אויסדריקן. אין פּאַריז האָט ער געוווינט לכתחילה אין לאַ־רוש, אַ געגנט פֿון קינסטלערס, ווי מאָדיליאַני, סוטין, לעזשער א.א. ס׳ווערט אַרויסגעגעבן אַ פּאָרטפֿעליאָ פֿון זיינע 20 ראַדירונגען צו זיינע שריפֿטן "מיין לעבן". אין 1923 מאַכט זיך אַ גוטע געלעגנהייט פֿאַרן קינסטלער וואָס האָט אויף דער באַשטעלונג פֿון אַ קונסט־הענדלער געמאַכט צייכענונגען פֿאַר גאָגאָלס

בוך "די טויטע נשמות", אויך בילדער פֿאַר די פֿאַבלען פֿון לאַ־פֿאָנטיין און וווּנדערלעכע תנ"ך־מאָטיוון.

אין 1937 האָבן די נאַציס אין דײַטשלאַנד קאָנפֿיסקירט און פֿאַרברענט אַ גרויסע צאָל פֿון שאַגאַלס קונסט־ווערק און אַ טייל פֿון זיי איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין מינכען־מוזעום ווי אַ חוזק פֿון דעגענערירטער קונסט, באַנאַנד מיט אַנדערע מאָדערנע מאָלערייען פֿון וועלט־באַרימטע מאָלערס, וואָס די געבעלס "מבֿינים" האָבן פֿאַרדאַמט ווי יידישע קונסט. שאַגאַל איז אין יענעם יאָר געווען אַ גאַסט אין ווילנער ייוואָ.

מלחמה־צייט קומט שאַגאַל קיין ניו־יאָרק, ווו ער בלייבט ביזן סוף פֿון דער מלחמה. זיין באַליבטע בעלאַ שטאַרבט אין 1944. ער מאַכט אילוסטראַציעס צו אירע זכרונות "ברענענדיקע ליכט", אָריגינעל געשריבן אין יידיש. אין 1946 קומט פֿאַר אַן אינטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג פֿון מאַרק שאַגאַלס שאַפֿונגען אין מוזעום פֿון מאָדערנער קונסט.

ער קומט צוריק קיין פֿראַנקרייך ווו ס'וואַרטן אויף אים נייע אַרבעטן און אויסשטעלונגען פֿון זיינע געמעלן. ער באַזוכט ישׂראל זייער אָפֿט. אין 1952 האָט ער חתונה מיט וואַוואַ בראָדסקי. ער קריגט באַשטעלונגען צו דעקאָרירן די קאַטוילישע קירך אין אַסיסי ביי די פֿראַנצויזישע אַלפּן, ספּעציעל די וויטראַזשן אויף די שויבן פֿון דער מעץ־קאַטעדרע. ער באַצירט די קאַטעדרע אין ריימס אין וועלכער סע זיינען געקרוינט געוואָרן די פֿראַנצויזישע מלכים אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט. ער האָט אויך באַצירט די קירכעס אין ציריך און אין מיינץ, דייטשלאַנד, וואָס האָט פֿאַרשריבן טראַגישע קאַפּיטלען אין דער יידישער געשיכטע פֿון מיטלאַלטער. אויף יידישע טענות האָט ער געענטפֿערט, אַז ער מאָלט דעם תנ"ך און אַז קריסטוס איז אַ יידישער מאַרטירער, און "מיין יידיש פֿאָלק ווערט כסדר געקרייציקט". יעדער וואָס באַזוכט ישׂראל וועט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו זען די וויטראַזשן פֿון די 12 שבֿטים אין הדסה־שפּיטאָל, זיינע געמעלן אין דער כנסת, גאָבעלינען און מאָזאַיק.

שאַגאַל איז אין אָנהייב פֿון די 60־ער יאָרן געוואָרן אַנגאַזשירט פֿון דעם דעמאָלטיקן קולטור־מיניסטער פֿון פֿראַנקרייך, אַנדריי מאַלראָ, צו מאָלן דעם סופֿיט פֿון דער פּאַריזער אָפּערע. נישט צעשטערנדיק דאָס פֿריערדיקע געמעל פֿון לענאַפּאַיע "די שעהן פֿון מעת לעת", האָט ער אין זיין אייגענעם סטיל געמאָלט אַ טאַנץ־קאַראַהאָד מיטן אָנטייל פֿון מאָצאַרט, ראַוועל, מוסאָרסקי, דעביסי, סטראַווינסקי, באַנאַנד מיט די אָפּערע־העלדן ווי פֿאַוסט, באָריס גאָדונאָוו דאָן־זשואַן און דער מיניסטער מאַלראָ מיט שאַגאַל. אין בילד זעט זיך פּאַריז און אַ יידישע חתונה – שאַגאַל און בעלאַ. מיר האָבן באַוווּנדערט זיינע געמעלן אין דעם לינקאָלן־צענטער, די מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע אין ניו־יאָרק און אין דער יו־ען.

אין 1967 האָט שאַגאַל זיך באַזעצט אין ניס – דרום־פֿראַנקרייך, ס'ווערט געשאַפֿן אַ שאַגאַל־מוזעום פֿאַר זיינע תנ"ך־מאָטיוון אין אויל, פּאַסטעל, אַקוואַרעל, ליטאָגראַפֿיע און סקולפּטור. די ערשטע דערעפֿענונג פֿון מוזעום איז פֿאָרגעקומען אין 1973, ווען שאַגאַל איז אַלט געווען 86 יאָר.

3

מאַרק שאַגאַלס קונסט נעמט אַרום אַלע טעכנישע צווייגן. פֿון צייכענונגען גראַוויאָלן, אויל, וואַסער־פֿאַרבן, צעראַמיק, געמישטע מיטלען, גוואַש, א.א.

פֿון זיינע פֿריע קינסטלערישע יאָרן האָט שאַגאַל רעוואָלטירט קעגן רעאַליזם. פֿאַר

אים איז רעאַל אין זיין שאַפן דאָס וואָס ער פילט אין זיך. זיינע פאַרבן זיינען צוערשט געווען טונקעלע. ערשט אין פאַריז האָט ער צעהעלט זיינע לייוונטן מיט דער מולטי־קאָלירקער פּאַלעטע, מעגלעך - אונטער דער השפּעה פון גאָגען. דער קוביזם אין צייט פון רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד האָט אים נישט באַפרידיקט. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו ניצן רייכע, צומאָל פלאַמיקע קאָלירן. זיינע געמעלן זיינען באַהויכט פון פּאָעטישער וויזיע, אַ פּרימיטיוויזם פון אַ ליכטיק, פאַרחלומט און שטיפעריש ייִנגל. באַהעפטונג פון מענטש און נאַטור. אין זכרון האָט געגליט די בענקשאַפט צום רוסישן דאָרף, די קליינע כאַטעס און פאַרשנייטע צערקוועס, די יידישע דאָרף־גייערס מיט טאָרבעס.

נישט געקוקט אויף דער פראַנצויזישער רייכער לאַנדשאַפט און פאַריזער גרויסשטאָטישקייט האָט אין זיין שאַפן אָפט דאָמינירט וויטעבסק און זיין יידישער פאָלקלאָר, זיינע עלטערן, זיינע פיל קאָליריקע יידן. אַ ייד אין גרין, אַ ייד אין רויט, אין פיאָלעט; זיין פרומער טאַטע, אַ בעטלער, די יידישע טאָרבע און דער פידלער אויפן דאַך. זיינע יידישע מאָטיוון דריקן אויס הומאַנע דערפאַרונגען אין אַלע ניואַנסן. שאַגאַל און בעלאַ זיינען די הויפּט־העלדן פון זיינע אומצייליקע סורעאַליסטישע ווערק, אָפט אויסגעשפּילט אין גראָטעסקע וויזיעס. נישט אומזיסט האָט ער ליב געהאַט און געמאָלט דעם "טרעמפּ" טשאַרלי טשאַפּלין.

מיר וועלן דערמאָנען אַ צאָל פון זיינע ווערק אָבער אויסמיידן אינטערפּרעטאַציעס, ווי למשל פאַרוואָס פאַרליבטע פאָרלעך שוועבן מיט די קעפּ אַראָפּ. שאַגאַלס געמעלן האָבן אָפט אַ פאָלקלאָריסטישן הינטערגרונד, אַ פאָלקס ווערטל אָדער אַן אימאַזש. איציק מאַנגער האָט דערקלערט דעם יידישן בעטלער איבער וויטעבסק לויטן פאָלקס־ווערטל "ער גייט א י ב ע ר די הייזער".

אַז מיר באַטראַכטן דאָס בילד פון אַ געקרייציקטן ייד, געגאַרטלט מיט אַ טלית, באַלויכטן פון אַ דריי־רערן לייכטער, און יידן פון שטעטל וואָס באַוויינען אים, איז דער מאָלער באַגלויביקט, אַז דאָס איז דער סימבאָל פון געקרייציקטן יידנטום. אָט זיינען אַ צאָל פון זיינע גראָטעסק און טראַגי־קאָמישע געמעלן: אַ היימלאָזער ייד זיצט אויף אַ שוועל מיט אַ ספר תורה און אַ קו מיט טרויעריקע אויגן שפּילט פאַר אים אויף אַ פידל; אַן אַלטער מידער לייב זיצט פאַרטרויערט און בהמות אַרום אים הויערן אָן פּחד; "דער מת": ליכט אויף דער פאָדלאָגע און אַ פידלער אויפן דאַך; "אַקראָבאַטן" - אַ ייד שטייט אויפן שפּיץ פון אַ פידל און אַ ציג שטייט אויף די פאָדערשטע צוויי פיס; אַ שיכור, שאַגאַלס שוועסטער די פּאָעטעסע; "שאַגאַל גרימאַסעוועט"; שלום עליכם מאָטיוון, "שלח מנות", אַ נאַקעטע פרוי איבער וויטעבסק, פראַנצויזישע לאַנדשאַפטן, שבת־שטיל לעבן, אַ רעגן, אַ שטאָט משוגענער, יידן אין שיל, מוזיקאַנטן, אַן אַלט פאָרפאָלק, אַ זייגער, אַ בית עולם, אילוסטראַציעס פאַר נסתרס ביכער, פאַר שעקספּירס "זומער־נאַכט חלום", " אַ מאַן טראָגט די שטאָט אויפן קאָפּ" לויטן ווערטל די גאַנצע שטאָט אויף זיין קאָפּ, און די סימבאָלישע געמעלן פאַרן טעאַטער: אַ טאַנצנדיקע שדכנטע אויף אַ חתונה (טאַנץ); אַ סופר מיט דער שריפט - אַ מאָל איז עס געווען דער סימבאָל פון ליטעראַטור; אַ בדחן - דער סימבאָל פון טעאַטראַלישע קונסט און מוזיק, אַ פידלער אויפן דאַך. בעלאַ פּערסאָניפיצירט וויטעבסק און די אַרומיקע ווייסרוסישע לאַנדשאַפט - די גאָרטנס, די דווינאַ, פייגל און ציגן, יידישע דאָרפסלייט. אין זיין פּאָעטישער חכמה ווערן פאַרווישט די גרענעצן צווישן פאַריז, אייפל־טורעם,

נאַטרדאַם און איינגעשפּאַנטע פערד און וואָגן, מיט זיינע יידן פון וויטעבסק.

אין שאַגאַלס קינסטלערישער פילאָזאָפיע פון ייד און מענטש האָבן אַ צאָל יחידים געהאַט אַ טיפע השפעה. אין זיינע זכרונות דערמאָנט ער מיט פאַרערונג זיין לערער יהודה פען. (געבוירן - 1854) וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דער ווירקונג פון אַסימילאַציע. יידישע קינסטלער ווי מאַרק אַנטאָקאָלסקי, יצחק אשכנזי, משה מיימאָן און דער העברעישער פּאָעט צבי מאַנע האָבן זיך דערוויטערט פון טראַדיציע. פרומע יידן האָבן זיי נישט געליטן ווי באַהעמער הפקר־מענטשן וואָס רעכענען זיך מיט דער גויאישער וועלט.

אין צייט פון אַוואַנגאַרד איז פען, באַנאַנד מיט לישיצקי און שאַגאַל, געווען לערער אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. שאַגאַל האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון אידעאָלאָגישע איינפלוסן און רעליגיעזע באַגרענעצונג, אָבער טראַדיציע און היימישער פאָלקלאָר האָט גענערט זיין קונסט. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט מאַלעוויטשן דעם קוביסט, וואָס זיינע געאָמעטרישע עפעקטן זיינען געווען אין קאָנטראַסט צו זיין לירישקייט. מאַלעוויטש האָט מער אַפּעלירט צום באָלשעוויזם און שאַגאַל האָט רעזיגנירט פון דער אַקאַדעמיע און געפונען סאַטיספאַקציע אין זיינע מאָלערייען פאַרן יידישן טעאַטער אין מאָסקווע.

ס'ווערן אָפט געמאַכט פאַרגלייך־אַנאַליזן צווישן שאַגאַל און פּיקאַסאָ ווי די צוויי גרעסטע קינסטלערס פון אונדזער צייט. אין פּיקאַסאָס, "גערניקאַ" קומט צום אויסדריק פּרווידס קאָנצעפּציע פון דער איינגעליולעטער בעסטיע אין מענטשלעכן אונטערבאַוווסטזיין וואָס באַפרייט זיך אין מלחמות און אין רעוואָלוציעס. שאַגאַל, דער זון פון אַ פאָלק וואָס האָט אַן אומענדלעכע געשיכטע פון ליידן, איז פול מיט סימפּאַטיע פאַר מענטשלעכן גוראַנגל און פיין, אָבער זיין וועלט איז אַנדערש. ער זוכט און געפינט די שיינקייט אין לעבן, ער שאַצט אָפּ די מענטשלעכע שוואַכקייט מיט חכמה און גראָטעסק. ער איז אַ פאַנטעיסט און נעמט אַריין דעם מענטש, די באַשעפענישן אין זיך, אין זיין שאַפערישער פּאָעטישער נשמה, אין קאָלירן וואָס לאָזן נישט ווערן פאַריאושט. אויך דאָס טראַגישע זעט ער מיט מענטשלעך יידישע אויגן ווי רייזען. מאַנגער, סוצקעווער, שלום עליכם.

שאַגאַל האָט געשריבן זיינע זכרונות צי 31 יאָר. "דער מת" וואָס ער האָט געמאָלן איז דער סימבאָל פון זיין פאַרגאַנגענער וועלט וואָס איז פאַרשוווּנדן מיט זיינע קינדער יאָרן און יוגנט־תקופה אין וויטעבסק. פון די זכרונות ווערן פאַרשטענדלעך די אימאַזשינאַרע געמעלן פון אַ שוועבנדיקע צווישן הימל און ערד פאַרדרימלטע יידישע וויטעבסק, זיינע מאָדעלן פון יידישן שטעטל, זיין פאַנטאַסמאַגאָרישע וועלט פון טראַדיציע, מנהגים און טיפּאַזש פון וויטעבסק און דאָרפישער לאַנדשאַפט דריקן אויס זיין יידיש־הומאַנע וועלט. ער באַוווּנדערט דעם אימפּרעסיאָניסטישן קינסטלער מאַנע און דעם פּאָעט וויזיאָנער גיאָם אַפּאָלינער וועלכער איז פאַקטיש געווען דער ערשטער סורעאַליסט (1880 - 1918) וואָס האָט דערקלערט: "איך האָב ענדלעך אָפּגעהאַקט פון אַלדאָס נאַטירלעכע".

זיינע אילוסטראַציעס צו גאָגאָלס "טויטע נשמות" האָט שאַגאַל אָוועקגעשענקט דעם טרעטיאַקאָוו מוזעום מיט דער אונטערשריפט: פון אַ רוסישן קינסטלער פאַר זיין היימלאַנד. די מייסטערישע גראַוויאָלן, די אילוסטראַציעס פון דעם האַנדל מיט די טויטע פויערים־קנעכט, וואָס זייער טויט איז נישט געמאָלדן געוואָרן; די קאָמישע מנהגים פון די פּאָמיעשטשיקעס און די פויערים; די גראָטעסק־נעמען ווי טשיטשיקאָוו,

**חיים קעניגער / פּאַריז**

# די מוראַשקעס

איך וועל שטיל זיין
אין אייגענעם וועג,
און מיט מיין חלום אומגיין
ווי דו אויפן זייטיקן שטעג.

דער חלום אין דויער,
פאַרפלאָכטן אין נאַקעטן שטיין
קייקלט זיך צום טויער
און ווערט געלייטערט אין שיין.

ווען דיין ליכט פאַרבלענדט
לייכטן שטראַלן אין געמיט,
און די יאָרן שלעפּסט מיט געליימטע הענט
ביז די טעג ווען דער מאַי האָט געבליט.

די מוראַשקעס אין די שעהען, די פריע,
אין דער ערד גראָבן זיך איין.
באַקליידט אין רויט רייסן זיי קריעה
און ציילן די טריט בעתן גיין.

* * *

פיר מיך צו דיר:
כ'וויל זען און הערן
דורך דיין איינציקער טיר
דעם חלום פון שטערן:

כ'באַגער דיך רופן
ווען די נאַכט נישט שרעקט.

פון טייך דעם טיפן
איבער דעם אַנדערן ברעג

קעגן שטראָם אין שווימען
אויך פון טיפן דנאָ
צו דיר אָנקומען
און זאָגן: ממעמקים קראתיך יה.

---

סאָבאַקעוויטש און זייערע ווייבער און קינדער - זיינען ביז היינט אַ קונסט־אוצר.

* * *

שאַגאַל שרייבט אין זיינע מעמואַרן: "פּאַריז איז מיין צווייטע וויטעבסק. מאָנמאַטר, מאָנפּאַרנאַס, פראַנקרייך איז דאָס לאַנד פון פרייען אויסדרוק. קאָלירן געהייליקט אין ליבע". שאַגאַל - דער יידיש־רוסיש־פראַנצויזישער מאָלער איז פון די געציילטע קינסטלער וואָס ביי זיין לעבן האָט דער לוווּר אין פּאַריז געמאַכט אַ גראַנדיעזע אויסשטעלונג. (די אַנדערע זיינען געווען בראַק און פּיקאַסאָ). מיר ווילן צום סוף פון דעם איבערזיכט אַנטפּלעקן דעם סוד פון שאַגאַלס קינסטלערישער יידיש־הומאַנער פילאָסאָפיע וואָס ער דריקט אויס אין די אָ פּאָעטישע שורות:

מיין איז דאָס לאַנד, וואָס עקזיסטירט אין מיין נשמה,
איך גיי אַריין אָן פּאַספּאָרט ווי אין מיין אייגן הויז.
אין מיר בליען גאָרטנס, איך באַשאַף מיינע בלומען,
אָבער - נישט קיין הייזער.
זיי זיינען פאַרשוווּנדן זינט מיין קינדהייט;
בלויז די איינוווינער וואָגלען ערגעץ אַרום
אין דער לופט
זוכנדיק אַ היים;
זיי לעבן אין מיין אייגענער נשמה.

**הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק**

# צום דיכטער
# אין וויטמאַן קול

כ׳טרינק צו דיין געזאַנג!
פול איז דער בעכער,
טרינק איך
פון פלאַש אַרויס -

נאָך אַ זופּ,
נאָך אַ זופּ,
מיין בעסטער געטראַנק
איז ליד!

*

מיינע טויזנט ביימער
שטייען דעמביק פעסט,
ציען קראַפט
פון וואָרצלען
פאַר שטאַם -
פאַר צווייג,
פאַר בלאַט.

פליען, פליען בלעטער -
זומער־לשון
געוויגט פון ווינט.
שטערן־ליכט
ווישן טרערן
פון פיין -
דורך פיין...

# רעטראָספּעקט

דו און איך -
ערגעץ אין די ספערן
טראָגן זיך אונדזערע
שמועסן - -
איבערן הימל
געבליט האָבן שטערן.

נאָך די שמועסן
ווו מיר האָבן איינגעביסן
ס׳לשון פון לאַנד:
וואָלט וויטמאַן,
עדגאַר אַלען פּאָו,
ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן -
אויפגעשטעלט געצעלט
אויף קראָטאָנאַ באַרג.
תנ״ך געזאַנגען

אין דיין גייסט
האָבן געשוועבט.
אין ביכער איינגעגלידערט
ר׳ מענדעלעס אוצרות,
שלום עליכם,
י.ל. פּרץ,
ה. לייוויק,
מאַני לייב, משה לייב.

דו ביסט אַוועק -
גיי איך
אויף עלנט־עווועניו...
אָן דיר -
אַנדערש איז
דאָס גיין.

---

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק די אַבאָנענטן און לייענער פון "חשבון", וועלכע האָבן צוגעשיקט זייערע באַשטייערונגען פאַר די ראש השנה באַגריסונגען. די באַשטייערונגען העלפן און דערמוטיקן אונדז אין דער אַרבעט ביים אַרויסגעבן דעם זשורנאַל.

**אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"**

**עקיבא פישבין / פּאַריז**

# צו די הונדערט יאָר פון חיים סוטין

מיט הונדערט יאָר צוריק איז אינעם שטעטעלע סמילאָוויטשי, אַ צענדליק קילאָמעטער פון מינסק, (ווייסרוסלאַנד) געבוירן געוואָרן דער וווּנדערלעכער קינסטלער - חיים סוטין.

מען דאַרף באַמערקן, אַז נישט אין קיין מזלדיקער שעה איז סוטין געפאַלן אויף דער וועלט. די געשיכטע פון זיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט בלוט און טויט און אַ סוף האָט זיין לעבן גענומען בזמן פון בלוט און טויט. אַ קינד איז ער געווען, האָט ער זיך אָנגעהערט מיט אַלדאָס בייז, וועגן פּאַרגאָסן יידיש בלוט אין האָמעל, קישענעוו, זשיטאָמיר און פיל אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך. ער האָט געהערט, אַז אַן אונטערגעהעצטער פינצטערער המון האָט געשאָכטן יידן - יונג און אַלט - און דערפאַר קיין שום שטראָף נישט באַקומען!

יאָ, די ווייאיקע וואָר פון יידישן תחום המושב האָט מיט אַ חותם זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין גורל. חיים - לעבן - איז טאַקע געווען דער נאָמען פון קינסטלער, געהאַט האָט ער אָבער אַ לעבן פון אַ הונט. ובכן, נישט וועגן פרייד און שלווה דערציילט סוטינס יצירה. נישט די עכאָס פון יידישן שטעטל טוט זיין קונסט פּאַרפּיקסירן. די עלעמענטן פון זיין שאַפונג זענען אַנגסט און פחד, בלוט און סימנים פון טויט. באַנעסטיקט האָבן זיך אין זיינע בילדער די עכאָס פון אַ טרויעריקער קינדהייט - די מורא פאַרן פּאָגראָם און דער דלות פון דער יידישער שטוב. ווען חיים סוטין איז אַרויס פון די יאָרן פון זיין קינדהייט, איז ער מער נישט געווען ביכולת גובר צו זיין די אימה פאַרן לעבן; און אַזוי האָט די אימה, ווי אַ שאָטן, אים באַגלייט עד יום מותו.

סוטינס בילדער פאַרמאָגן די טאָנאַליטעט פון ווייַ און פיין; אין זיי שטעקט דער פּאָרגעפיל פון אַ שטורעם, וואָס איז בכוח צו ברענגען אַן אונטערגאַנג.

סוטינען איז בכן נישט באַשערט געווען קיין גליקלעכע קינדהייט. זיין טאַטע, דער שניידער, פלעגט אָפּהאָרעווען אַ פעליקן טאָג ביז אין דער נאַכט אַריין, און נישט געקאָנט אַ שטיקל פרנסה פאַר זיין הויזגעזינט פאַרזאָרגן. ער האָט טאַקע מלבוש ערומים געווען די פויערים פון אַרום דעם שטעטל סמילאָוויטשי, אָרעמע מענטשן אַליין, וואָס פלעגן באַשטעלן אַ בגד איין מאָל אין לעבן, צו דער חתונה, נישט שטענדיק אָבער האָבן זיי געהאַט צו באַצאָלן. שטאַרק צושטיין צו זיי אויפצומאָנען דעם חוב איז געווען אַ סכנה. בלית ברירה האָט מען געמוזט אין דער היים ליידן דחקות און נויט.

חיים, דאָס צענטע קינד אין דער משפּחה, האָט זיך געהאָדעוועט אויף שוואַרץ ברויט מיט וואַסער. געשלאָפן איז ער אין דער ענגשאַפט אויף אַ שעניק פון צעפוילטן שטרוי, מחמת שטרוי אויפן מאַרק איז נישט געווען בזול... צו די אַלע גליקן, האָט דער קליינער חיים נישט זוכה געווען צו אַ ביסל מוטערלעכער וואַרעמקייט. זיין מאַמע האָט די גאַנצע ליבע אירע אָוועקגעשענקט אַן עלטערן ברודער וואָס האָט בדעה געהאַט צו ווערן אַ רב. חיים האָט זיך אויף אַ רב נישט געשניטן. די תורה אַפילו פון זיין חדר רבין איז אים אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכן. ער האָט ליב געהאַט מיט אַ פינגער צו פורעמען פיגורן אויפן שטויב...

שוין בעת דער קינדהייט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין סוטינס נשמה ריסן; און צעפליקט וועט בלייבן זיין נשמה אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. מיט אַ ברוך אין דער נשמה

איז ער געקומען קיין ווילנע לערנען מאָלעריי. מיט דער זעלבער צעפּליקטער נשמה האָט ער באַגריסט די זון פון פּאַריז, און דאָ, אין פּאַריז - דאָ וועט ער איצט פּראַוויען הונגער און נויט; ער וועט פּאַלן אויפן פּנים פּאַר אַ ביס ברויט.

אמת, אַנטלויפן פון די שטעטלדיקע צרות, דאָס האָט חיים סוטין געקאָנט - אָבער אַנטלויפן פון זיך אַליין, אַנטלויפן פון זיין חרובדיקער פּסיכיק, דאָס איז געווען אוממעגלעך. אָט, אַ שטייגער, האָבן בשכינות מיטן באַרימטן פּאַריזער "לאַ ריש", ווו דער קינסטלער האָט געהאַט אַ ווינקל דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און צו מאָלן, זיך געפונען שעכטהייזער. די לופט פון דער גאַנצער סביבה איז געווען פאַרפּעסטעט מיט אַ ריח פון בלוט. דער אָ בלוט ריח פון די געשאָכטענע בהימות האָט אַ תל געמאַכט פון סוטינס געמיט, ס'האָט אים צעשרויפט די נערוון. דער דאָזיקער ריח האָט אים אַרויפגעפירט צוריק צו די געשיכטעס פון בלוט, וואָס זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט בעת דער קינדהייט. פון זיינע אויגן האָבן גענומען טריפן אַנגסט און פחד.

ווען סוטין האָט זיך אַוועקגעשטעלט מאָלן אַ בילד האָט זיין פּענדזל געאַקערט אין זיין ווייפולער נשמה און אַרויסגעבריינגט אויפן לייוונט נישט שלווה און פרייד, אלא די פּרוכט פון זיין פאַרלוירנקייט - די אימה פאַרן לעבן, סימנים פון בלוט און ערב טויט...

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז די וויטאַלע פּעדעמס פון סוטינס וועזן, די פּעדעמס פון זיין גייסטיקן צושטאַנד, האָבן זיך אויסגעוועבט אין די שאָטנס פון סמילאָוויטשי און ווילנע, אין דעם דחקותדיקן "לאַ ריש" און אויף די פּאַריזער גאַסן אַרום די שעכטהייזער. פון זיינע בילדער, ס'רוב פאַרפלעקטע מיט דער רויט בלוטיקער פאַרב, טוט נישט אָפּטרעטן דער פאַרגעפיל פון טויט. אין סוטינס פּייזאַזשן הערשט אַן אַנגסטיקער אומרו, ווי ס'וואָלט געהאַלטן ערב אַ נאַטור-קאַטאַסטראָפע. דער קרענקלעך-נערוועזער בליק פון קינסטלער כאַפּט אויף אַ רעאַליטעט וואָס רעדט די שפּראַך פון מענטשלעכן פחד. דער מענטש אויף זיינע פּאָרטרעטן קומט אַרויס אייביק ווי טעראָריזירט, מיט אַ גרימאַס אויפן פּנים; עפּעס עקט זיך אים די וועלט, אַ טויט-שרעק האָט אים אויפגעציטערט... זיינע הערינג-גרופּעס טוען גוסענען, דאָס פּערטל פלייש אויף די יאַטקע-האַקעס טריפט מיט בלוט...

אַוודאי, זאָגן אַז סוטינס מאָלעריי פון אַ דעפּרימירנדיקן באַנעם האָט בהתחלה נושא חן געווען ביים עולם, וואָלט געווען אַ ליגן. ווען זיינע בילדער האָבן קינסטלער אויפן מאָנפּאַרנאַס און די קונסט-סוחרים מיט די קאָלעקציאָנערן אַ גוט וואָרט נישט געלאָזט פּאַלן. זיינע "פריינד", די מאָלער, האָבן פאַרויסגעזען, אַז זיין ווערק האָט נישט קיין דויער, ס'וועט נישט אַריבער די גרענעצן פון מאָנפּאַרנאַס...

מאַלע, וואָס "פריינד" קאָנען אַלץ נביאות זאָגן!..

בלויז איין מאָדיליאַני האָט סוטינען פאַרשטאַנען און אים געבראַכט צו פירן צום קונסט-סוחר זבאָראָווסקי. און הגם זבאָראָווסקי האָט אויך געהויבן די פּלייצע, האָט ער צוליב געטאָן מאָדיליאַנין און ביי סוטינען פון צייט-צו-צייט גענומען אַ בילד און באַצאָלט דערפאַר גראָשנס. מאַכט זיך, אַז אין אַ העלן טאָג איז אַ רייכער אַמעריקאַנער קאָלעקציאָנער אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז און זיך פאַרליבט אין סוטינס בילדער. מיט זיין פאַרשפּיצטן עסטעטישן געשמאַק האָט ער אין די בילדער דערבליקט דעם צער פון אַ מענטש אין אַ הינטישער וועלט.

גליך האָבן סוטינס בילדער באַקומען אַ ווערט. פּלוצים איז געוואָרן קלאָר, אַז דער אָרעמער חיים סוטין, דער געפּייניקט אַנגסטיקער ייד, איז גאָר אַ וויזיאָנער! ער מאָלט נישט סתם אין דער וועלט אַריין אימאַגינירטע קאָשמאַרן, ער טוט וואָרפן אויף זיינע

לייוונטן וויזיעס פון אַן אַנדערער רעאַליטעט, וועלכע ער פילט אויס מיטן ווײ פון זיין נשמה.

די אַלע וועלכע האָבן סוטינען געקענט, דערקלערן, אַז ער איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש און געהאַט אַ מאָדנעם כאַראַקטער. אַפילו דעמאָלט, ווען פאַר זיינע בילדער האָט מען שוין געצאָלט גוטע פרייזן און אים פלעגט אין דער האַנט אַריינפאַלן אַ לייכטע מטבעה - אויך דעמאָלט איז פון זיינע שוואַרצע אויגן נישט אַוועק דער פּחד און די אימה. אמת, ער פלעגט איצט, מעשה גביר, זיך קליידן ווי אַ פראַנט. דאָס איז אָבער געווען אַ מין געווער קעגן זיך אַליין, אַ פּרווו זיך אַליין אָפּצונאַרן, צו פאַרטרייבן פון זיך די מורא פאַרן דלות, פאַרטרייבן די שרעק צו געפינען זיך מחוץ למחנה. דאָס דאָזיקע געפיל האָט אין אים טיף געוואָרצלט און נישט אָפּגעלאָזט אים עד יום מותו.

ס'ווערט דערציילט, אַז בשעת סוטין האָט געמאָלן האָט קיינער דערביי נישט געטאָרט זיין אַן עדות. דער אַקט פון מאָלן איז געווען פאַר אים אַן אינטימער ענין - אַן השתפכות הנפש איז דאָס פאַר אים געווען.

סוטין פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין אַ מצב פון יאוש, אים האָט פאַרפלייצט אַ געפיל פון אומזיכערקייט - אַ ספק אין זיין קינסטלערישער יכולת. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער כאַפּן אַ מעסער און שניידן פאַסן פון זיינע ווערק.

ס'איז מערקווירדיק ביז גאָר - חיים סוטין האָט זיינע לייוונטן געחתמעט מיט אַ רויט-בלוטיקער פאַרב. די דאָזיקע פאַרב איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. זי טרעט נישט אָפּ פאַקטיש פון זיין יצירה. איז זי דאָך, די בלוט פאַרב, דער סימן מובהק פון זיין פינצטערן בראשית אין לעבן ווען בלוט האָט זיך געגאָסן אין די יידישע גאַסן. זי איז אויך אַ מין פאַרויסזאָג, אַז ווי וואַסער וועט יידיש בלוט זיך גיסן, ווען ס'וועט קומען דער סוף פון זיין לעבן.

יאָ, חיים סוטין האָט אויך געהאַט אַ פיצל מזל - ער האָט אָפּגעגעבן זיין געמאַטערטע נשמה אין יאָר 1943 אויף אַ בעטל אין שפּיטאָל, אין פאַריז. ער האָט אָבער קיין מזל נישט געהאַט צו קומען צו קבר ישראל. ביז אויפן היינטיקן טאָג ליגט דער ייד חיים סוטין אויף אַ פאַריזער בית הקברות... אונטער אַ צלם. ער ליגט באַגראָבן אין אַ קבר פון אַ פראַנצויזיש-קאַטוילישער משפחה.

אַזוי האָט אַ סוף גענומען צום געמאַטערטן לעבן פון גרויסן יידישן קינסטלער - חיים סוטין.

## זלמן רייזען-פּרעמיע דעם ייוואָ

אויף איר זיצונג, דעם 14-טן פעברואַר 1993, האָט די דירעקטאָרן-קאָלעגיע פון דער "פונדאַציע פאַר יידישער שפּראַכקולטור א"נ בנימין שעכטער" בפה-אחד אָנגענומען אַ החלטה, אַז די "פּרעמיע פאַר אַ לייטיש מאַמע-לשון א"נ זלמן רייזען" פאַרן יאָר 1992 זאָל צוגעטיילט ווערן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ייוואָ פאַר זיין היסטאָרישער ראָלע אין באַרייכערן, פונאַנדעראַרבעטן און סטאַנדאַרדיזירן די יידישע שרייבשפּראַך.

דאָס איז די צווייטע צוטיילונג פון דער זלמן רייזען-פּרעמיע. די ערשטע איז געווען אין 1991, דהיינו: פאַרן זשורנאַל "גאָלדענע קייט" אונטער דער רעדאַקציע פון אַברהם סוצקעווער (רעדאַקציע-סעקרעטאַר: אַברהם שפּיגלבלאַט).

טויבע פערטשוק

# ציטערדיקע הענט

ווען קריסטאָפער קאָלומבוס האָט באַטראַכט די קובאַנער ערד, איז ער געווען זייער באַגייסטערט פון דער נאַטירלעכער שיינקייט פונעם אינדזל. "דאָס איז די שענסטע ערד וואָס מענטשלעכע אויגן האָבן אַ מאָל געזען!" - האָט ער אויסגערופן.

ווען איך בין געקומען קיין קובאַ מיט יאָרן לאַנג צוריק, האָב איך אויך באַוווּנדערט די זעלטענע שיינקייט פון לאַנד. ווו נאָר דאָס אויג קאָן גרייכן זעט איר אַ גרינעם טעפּיך פון גראָז, די זון-שטראַלן וואַרעמען דעם גוף און געמיט. די זון ווערט נישט מיד צו שיקן אירע שטראַלן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אונטער דעם שטענדיק בלויען הימל - פּאַלמעס, פּרוכט-ביימער וועמענס צווייגן ברעכן זיך פון די שווערע הענגענדיקע פּרוכטן: קאָקאָס, מאַראַנצן, באַנאַנעס. פאַראַן אויך אָן אַ שיעור צוקער-רערן און בלומען פון אַלע קאָלירן.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט אויף מיר די מענטשן פון פאַרשיידענע פאַרבן און נאַציאָנאַליטעטן: ווייסע, געלע, מולאַטע, שוואַרצע. מענטשן וואָס שטאַמען פון שפּאַניע, כינע, יאַפּאַן, דייטשלאַנד, פּוילן א.א. לענדער. כ'האָב געוווּסט, אַז עס עקזיסטירן מענטשן פון פאַרשיידענע קאָלירן, איך האָב אָבער קיין מאָל נישט געזען אין פּוילן, פון וואַנען איך שטאַם, מער ווי ווייסע יידן און ווייסע פּאָליאַקן.

פאַר די ניי-געקומענע איז דער אָנהייב, ווי אומעטום, נישט געווען לייכט, באַזונדערס ווען מען קען נישט די שפּראַך פונעם לאַנד. אין גיכן אָבער האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ לערערין אין אַ יידישער פּריוואַטער שולע און שפּעטער אין דער יידישער צענטער-שולע וואָס איז געווען די גרעסטע און באַליבטע שולע אין האַוואַנאַ.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען פאַרטראַכטן און אַקטיוו אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלכן לעבן. אַזוי איז עס געווען ביז אָנהייב 1960.

***

דעם 31-טן דעצעמבער ביי נאַכט זענען מיר נאָך געווען אונטער דער דיקטאַטור פון פלוכענסיאָ באַטיסטאַ, און אויפגעוועקט האָבן מיר זיך דעם 1-טן יאַנואַר 1960 אונטער דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור פון פידעל קאַסטראָ. באַטיסטאַ מיט זיין קליקע איז אַנטלאָפן און פריי געמאַכט דעם אַריינמאַרש פון פידעלן מיט זיינע נאָכפאָלגערס פון די בערג. קאַסטראָ האָט גוט געוווּסט, אַז די קובאַנער זענען זייער רעליגיעז און סענטימענטאַל. האָט ער זיי פּשוט פאַרכישופט מיט זיין לאַנגער באָרד, מיטן ראָסאַריאַ און גרויסן צלם אויפן האַלדז. זיי זענען אַראָפּגעקומען פון די בערג ווי הייליקע.

צו פאַרלייקענען קריסטנטום וואָלט געמיינט פאַרלייקענען די קובאַנער טראַדיציע. אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט געגלייבט, אַז אונטער די רעליגיעזע סימבאָלן ברענגט קאַסטראָ קיין קובאַ דעם קאָמוניזם. ער האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן צו עלימינירן אַלע וואָס זענען עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעג זיין דיקטאַטור.

ביי נאָוועמבער 1960 איז קובאַ שוין געווען ריין פון קאַפּיטאַליסטן, באַלעבאַטים פון הייזער, פלאַנטאַציע-באַזיצער, פּריוואַטע בענק. די שולן זענען געוואָרן נאַציאָנאַליזירט. עס איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלדיקער ריס צווישן עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער, חברים און פריינד. אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן האָבן

קאָנטראָלירט יעדע גאַס, יעדן איינוויינער. שכנים מיט וועלכע מען איז געווען נאָענט, פריינדלעך און אָפט מאָל פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל טיי, זענען געוואָרן שונאים איבער נאַכט און שפּיאָנירט איינער דעם אַנדערן. קיינער האָט נישט געקאָנט געטרויען קיינעם. עס איז געוואָרן ענג און שווער צו עטעמען. יידן און נישט־יידן האָבן גענומען זוכן אַ וועג צו אַנטלויפן פון קאַסטראָס גן־עדן. ווידער איז אויסגעקומען צו נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט...

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד וואָס איז איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער דירעקטאָר פון דער צענטער־שולע אין קובאַ, ווו איך האָב געאַרבעט, ה׳ עליאָוויטש מיט זיין פרוי ליזע, זענען געזעסן אויפן וואָקזאַל און געוואַרט איבערצוקומען די רעוויזיע. זיי זענען געפאָרן צו צוויי טעכטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די יינגערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַמעריקאַנער בירגער. זי האָט געהאַט אַלע רעכט צו יענער צייט אַרויסצופאָדערן אירע עלטערן.

איז אַט, שטיי איך ביי דער גלעזערנער וואַנט און קוק אויף די טיף פאַרטראַכטע פּאַסאַזשירן, וואָס האַלטן קליינע פּעקעלעך אין די הענט. דאָס איז אַלץ וואָס איז דערלויבט אַרויסצופירן. זינט עטלעכע יאָר האָבן עליאָוויטשעס הענט זיך געטרייסלט. איך בין נישט זיכער צי עס איז געווען פּאַרקינסאָן אָדער אַן אַנדער קראַנקהייט. ווען דער מיקראָפאָן האָט איבערגעריסן די שטילקייט און אָנגעשטרענגטקייט און גערופן עליאָוויטשן צו דער רעוויזיע, איז ער אויפגעשפּרונגען ווי פון חלום. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע הענט האָבן זיך געטרייסלט מער ווי געוויינטלעך.

דער מיליציאַנאָ האָט באַמערקט די טרייסלענדיקע הענט און ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז ער האָט געפּאַקט דעם אמתן גנב, דעם אמתן שמוגלער און פאַרעטער פון דער רעוואָלוציע. עס איז באַלד געוואָרן אַ באַוועגונג און טומל פון מיליציאַנאָס וואָס האָבן עליאָוויטשן אַרומגערינגלט און אַוועקגעפירט אין אַ זייטיק צימערל. זיין פרוי, עליזע, איז געווען איבעראַשט, צעטומלט און אומרואיק. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר. "ווו פירט איר אַוועק מיין מאַן?!" – האָט זי פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. אָבער באַלד זענען אָנגעקומען נאָך מיליציאַנאָס און אויך זי אַוועקגעפירט.

איך בין געשטאַנען ביי דער גלעזערנער וואַנט מיט אַ ציטער אין האַרצן. כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר. די אונטערזוכונג האָט געדויערט זייער לאַנג. כ׳בין געווען אומגעדולדיק און נישט געקאָנט איינשטיין אויף איין פּלאַץ. האָב איך מאַרשירט אַהין און צוריק און געקוקט דורך דער גלעזערנער טיר צי איך וועל זען מיינע פריינד. דאָס וואַרטן האָט מיר אויסגעזען אַן אייביקייט. סוף כל סוף האָב איך זיי דערזען אין באַגלייטונג פון אַ מיליציאַנאָ. בלאַסע, אויסגעמאַטערטע האָבן זיי קוים געשלעפּט די פיס. זיי האָבן געהאַלטן עטלעכע זאַכן אין די הענט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף מיר. איך האָב גענומען זיך דערנענטערן צום אַריינגאַנג און זיי זענען מיר געגאַנגען אַנטקעגן. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט דערשראָקענע אויגן און געשוויגן אַ ווײלע.

– וואָס שטייסטו, גיב איר אַוועק די זאַכן! באַטיסטאַ האָט פאַראָרעמט דאָס לאַנד! – האָט דער מיליציאַנאָ אַ געשריי געטאָן צו ליזען.

נישט קיין גאָלד, נישט קיין בריליאַנטן און נישט קיין דאָלאַרן האָבן זיי געפונען ביים שטילן, רעספּעקטפולן, אינטעליגענטן מענטשן – דעם שול־דירעקטאָר. זיי האָבן

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# נאַדין גאָרדימער - נאָבעל-לאַוראַטין פאַר ליטעראַטור

נאַדין גאָרדימער, די אָנגעזעענע דרום-אַפריקאַנער נאָוועליסטין, וואָס האָט באַקומען די העכסטע אינטערנאַציאָנאַלע פרעמיע פאַר ליטעראַטור (1991), איז די ערשטע פרוי פאַר די לעצטע 25 יאָר צו געווינען דעם פּרעסטיזשפולן פּרייז. איך דערמאָן עס, מחמת איך שרייב וועגן איר, דעם 8טן מערץ אין דעם אונטערנאַציאָנאַלן פרויען-טאָג, וואָס האָט הינטער זיך אַ לענגערע געשיכטע אינעם קאַמף פאַר פרויען-רעכט און האָט אַזוי פיל געוווּנען (שטים-רעכט ביי וואַלן, גלייכע שכירות מיט מענער פאַר דער זעלבער אַרבעט).

אין שייכות דערמיט איז געווען געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אין אַן אויסטראַלישער ענגלישער טאָג-צייטונג וועגן דער ראָל פון דער פרוי אין די דריי מאָנאָטעיסטישע הויפּט-רעליגיעס - יודאַיזם, קריסטנטום, איסלאַם - באַהאַנדלט אויף אַ גאַנץ תוכיקן אַנאַליטיש-פאָרשערישן אופן.

בעתן לייענען זיי, איז אויפגעשוווּמען ביי מיר דער געדאַנק צו אַנאַליזירן די ליטעראַרישע דערגרייכונגען פון דער לאַוראַטין.

נאַדין גאָרדימער איז געבוירן געוואָרן אין 1923 אין ספּרינגס, אַ קוילן-גרובן שטאָט נעבן יאָהאַנעסבורג (דרום-אַפריקע). איר פאָטער, אַ ייד פון ליטע, פון אַ רעליגיעזער משפּחה, האָט אין דרום-אַפריקע געאַרבעט ווי אַ יוּוועליר. איר מוטער האָט געשטאַמט פון ענגלאַנד, פון אַסימילירטע יידן ביזן ביין, און דאָס האָט אַרויסגערופן משפּחה-רייבונגען אין דער היים פון די גאָרדימערס. ווערדליק נאַדינס שילדערונג פון איר טאַטן, האָט אים געפעלט אַ שטאַרקער רקנביין-כאַראַקטער און ס'האָט אין שטוב דאָמינירט די מאַמע וואָס האָט געהערשט ביד חזקה. זי שרייבט וועגן טאַטע-מאַמע, אַז ס'איז געווען אַן אומגליקלעכער שידוך, און געליטן האָט דער טאַטע, ווען מען עס האָבן נאָך באַגלייט דערפאַרונגען פון פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען. זי דערציילט וועגן זיינע באַמיונגען אַראָפּצוברענגען זיינע ניין שוועסטערס פון ליטע, מסתמא האָט דאָס אויך געליגט אַ חותם אויף דער אַטמאָספער אין שטוב.

די קליינע נאַדין האָט געטרוימט צו ווערן אַ טענצערין, אָבער אַ קאָמפּלעקס פון איר מאַמען, מסתמא פון איר אונטערבאַוווּסטזיין, דורכצוזעצן אירע עמאַנציפּאַלע געפילן צוליב איר אומגליקלעכער היירעט האָט פאַרבאָטן נאַדינען (בעת זי האָט איין מאָל געחלשט) יעדע פיזישע טעטיקייט, אונטער אַן אויסרייד אַז דאָס קינד ליידט פון אַ צו שטאַרקן האַרץ-קלאַפּ. די מאַמע האָט דאָס קינד נישט געלאָזט גיין און שול און צווישן 11 און 16 יאָר איז נאַדין געזעסן אין שטוב פאַראיינזאַמט, אָן שום קאָנטאַקט מיט אַנדערע קינדער. (כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ביז איר מאַמעס טויט האָט נאַדין נישט דערלאָזט דער ענין זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן אין איר אויטאָביאָגראַפישן שרייבן. אין אַן אינטערוויו אין 1983 האָט זי דערציילט: "פאַקטיש האָב איך ערשט אין דער

צוגענומען ביי אים אַ קורצן מאַנטל וואָס איז נישט געווען צו פיל אָפּגענוצט, און ביי ליזען אַ בלוזע, וואָס האָט אויסגעזען ניי.

דער איינציקער פאַרדאַכט, וואָס האָט די מיליציאַנטאָס געמאַכט זיכער, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ שמוגלער, אַ גנב, זענען געווען זיינע קראַנקע, טרייסלענדיקע הענט...

לעצטער דעקאַדע פון מיין לעבן געקענט דאָס קוקן אין פנים אַריין"). זי האָט דער מאַמעס פיקציע מסתמא שטאַרק דורכגעלעבט, אָבער ווי עס טרעפט אַ מאָל אין לעבן, אַז פון שלעכטס קומט אויך אַרויס עפעס גוטס, איז דאָס אויך געשען אין נאַדינס לעבן.

זי האָט אָנגעהויבן שרייבן צו ניין יאָר. ביי 15 יאָר אָפּגעדרוקט איר ערשטע דערציילונג. ביי אירע 25 יאָר פאַרעפנטלעכט איר ערשטע זאַמלונג דערציילונגען. במשך פון 40 יאָר - געהאַט אויף איר קאָנטע אַ צענדליק אַרויסגעגעבענע ראָמאַנען און אַ צוויי הונדערט דערציילונגען.

די שוועדישע נאָבעל-זשורי, וואָס האָט מעיין געווען אין אירע שאַפונגען, האָט ביים געבן איר די פרעמיע אויסגעטיילט איר ראָמאַן "אַ בכבודיקער גאַסט" (1970), ווי אַ ווענדפונקט אין דער ערשטער העלפט פון איר ליטעראַרישער קאַריערע, אין וועלכער זי ווייזט אַרויס איר "מער-קאָמפּלעקס-טעכניק" (ציטאַט פון דער זשורי); אויך געלויבט אירע שפעטערדיקע ראָמאַנען ווי "דער קאָנסערוווירער" (געמיינט: נאַטור-אויפהיטער) 1974, אויך "בורגערס טאָכטער" (1979) און "דזשוליוס מענטשן" (1981). אין די ווערק איז דער ראַסן-פּראָבלעם פּראָזשעקטירט דורך אַ בעלעטריסטישן "עקסריי" פון אַן אומוואַקלדיקער קריטיקערין פון אַפּאַרטהייד. זי האָט אויך באַקומען דעם צווייפלהאַפטן "קאָמפּלימענט" וואָס דריי פון אירע ביכער זענען אַ געוויסע צייט פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער אַפּאַרטהייד-צענזור צוליב איר פאַרטיידיקונג פון אַ שוואַרצער מערהייט-הערשאַפט אין דרום-אַפריקע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט נאַדין גאָרדימער דעמאָנסטרירט אירע איבערצייגונגען, בעת זי האָט געזאָגט עדות לטובת עלף שוואַרצע אַקטיוויסטן, באַשולדיקטע אין טעראָריזם און פאַרראַט. די לעצטע עטלעכע יאָר איז זי פּאָליטיש אַנגאַזשירט אין דער טעטיקייט פון "דרום-אַפריקאַנער קאָנגרעס", אָבער איר פּאָליטישע אַנגאַזשירטקייט איז נישט אַריין אין אירע קינסטלערישע ווערק אויף אַ טענדעציעזן אופן. זי האָט אָבער בייגעשטייערט אין פורעמען דעם פּראָצעס, וועלכען זי האָט בעלעטריזירט מיט איר שאַרפן אַריינדרינג. דאָס איז טאַקע געוואָרן אונטערגעשטראָכן דורך דער נאָבעל-זשורי.

נאַדין גאָרדימער האָט אויך אַרויסגעגעבן עטלעכע בענדער עסייען, געשריבן מיט אַן אינטענסיווער היינטצייטיקער אַקטועלקייט וועגן עקסטרעמע סאָציאַלע און פערזענלעכע באַציונגען, וואָס זי האָט אָבסערווירט אין איר לאַנד פון שוואַרץ-ווייס. איר ליטעראַרישע קאַריערע האָט באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער בעת אירע שאַפונגען זענען געדרוקט געוואָרן אין די אָנגעזעענסטע זשורנאַלן אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק און איבערגעזעצט אין אַ ריי לשונות. צווישן די פּריזן וואָס זי האָט באַקומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַרישער וועלט, איז אויך דאָ די פּרעסטיזשפולע "בוקער-פּרעמיע" אין ענגלאַנד - אַן "אָווערטורע" ערב איר נאָבעל-פּרעמיע.

היות די שוועדישע קעניגלעכע אַקאַדעמיע האָט ציטירט ביים געבן איר דעם פּריז די ווערטער פונעם גרינדער, אַלפרעד נאָבעל, איז כדאי ביי דעם צו ברענגען, וואָס די ענציקלאָפּעדיע דערציילט וועגן אים און זיין ווערק. אַט דער שוועדישער כעמיקער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין אַרבעט אויפן געביט פון עקספּלאָזיע. דער דערפינדער פון דינאַמיט איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַדאַפּטירט ניטראָ-גליצערין פאַר עקספּלאָזיע. ער האָט פון דעם געמאַכט אַ פאַרמעגן און אין זיין

צוואָה איבערגעלאָזט אַ סומע פון קנאַפּע צוויי מיליאָן פונט, אַ ריזיקער פאַרמעג אין זיין צייט (1896-1833) אויף צו שאַפן פינף פרעמיעס, יערלעכע, פאַר: פיזיק, כעמיע, מעדיצין, שלום און ליטעראַטור. פון די פּראָצענטער איז יעדע נאָבעל-פּרעמיע היי־יאָר: אַ מיליאָן מיט 200 טויזנט דאָלאַר.

ווי מיר זעען איז די פּרעמיע אַ חוץ פּרעסטיזש אויך אַ גאַנץ בכבודיקע סומע. אָבער אונדז אינטערעסירט נישט די פינאַנציעלע זייט, נייערט די אינטעלעקטועל-עסטעטישע שטימע פון נאַדין גאָרדימער, וואָס האָט באַקומען אַ וועלט-נאָמען.

אין אַ בוך א"נ "היינטצייטיקע שרייבערס", האָבן די שעף-רעדאַקטאָרן, מאַלקאָלם בראַדבערי און קריסטאָפער ביגסבי, געשריבן וועגן גאָרדימער, אַז זייענדיק אינטערנאַציאָנאַל אין איר אַפּיל, איז זי ביידע: אַ הויכע שטימע פון אַן אָפּאָנענט פון אַפּאַרטהייד און אַן אָריגינעלע שלימותדיקע ראָמאַניסטין. אירע ווערק האָבן באַקומען אַ ליטעראַרישע און פּאָפּולערע אָנערקענונג, מחמת איר שאַפן איז ביידע: פּאָליטיש אַנגאַזשירט, און פאָרמעל-עסטעטיש - אינאָוואַטיוו, אין דער קאָנפראָנטאַציע פון אַ סוזשעטיק מיט אַן אומגעהויערן היינטצייטיקן אינטערעס. אירע ראָמאַנען זענען סענסיטיווע אין זייער קאָנטעקסט פון אַ צעטיילטער געזעלשאַפט.

די מחברין זוכט אויס די נאַראַטיווע פאָרמען וועלכע קאָמבינירן איינצייטיק אייראָפּעישע און דרום-אַפריקאַנישע קולטור, פאָרלייגנדיק אַ באַטייטיקן צושטייער צו דער נאָכמאָדערנער איבערשאַצונג פון אַ נאַראַטיווער פּאָעטיק; און אַ באַוווסטזיניקן אַרויסרוף צו די אייראָפּעישע קאָנצעפּציעס פון ראָמאַן.

די ליטעראַטור-קריטיקערין, דזשודיט ניומאַן, האָט אין אירע אַנאַליזן פון גאָרדימערס ראָמאַנען (איינשליסנדיק איר לעצטן "אַ ספּאָרט פון נאַטור"), געלייגט שטאַרק אַכט אויף גאָרדימערס פאָרשונג פונעם קריזיס אין ליבעראַלע ווערטן. זי שרייבט: "היינטצייטיקייט איז אַ לאַנד אין וועלכן מיר זענען אַלע איינוווינערס. אָבער עס איז דאָ אַ קליינער אָפּמאַך וועגן די גרענעצן און זייערע פאָרמען. גאָרדימערס שאַפונג עקספּלאָרירט אידעען, וועלכע ווייזן ווי אַזוי דער קינסטלער קען ביישטייערן צו אַ היינטצייטיקער דעבאַטע אין דער ספערע פון ראַסיזם, סעקסועלער פּאָליטיק און פּסיכאָ-פּאַטאָלאָגיע פון מאַכט. אירע נאַראַטיוון זענען אויף דער ליניע פון היסטאָרישן באַוווסטזיין. ווי אַן ערנסטער שרייבער איז זי איינע פון די צוממיינסן סענסיטיווע אויסטייטשערס פון דער פּראָבלעמאַטיק מיט וועלכער עס פאַרנעמען זיך די וויכטיקסטע שרייבערס פון אונדזער צייט.

נאָך אין 1980 האָט גאָרדימער אויפגעהויבן די פראַגע - אַ פונדאַמענטאַלע אין דער דרום-אַפריקאַנער ליטעראַטור: "ווער איז קוואַליפיצירט צו שרייבן וועגן וועמען?" די פראַגע איז פאַרבונדן מיט דער היינטצייטיקער עסטעטישער און מאָראַלישער טאָפּאָגראַפיע; פאַרבונדן מיט דעם מאָדערנעם דרוק אויפן שרייבער און אויף דער ליטעראַרישער קולטור.

גאָרדימער איז אַ ווייסע שרייבערין און דער הויפּט-צוגאַנג פון איר שאַפן שליסט איין ראַסיזם, באַגלייט מיט דער שאלה: - וועמענס געשיכטע איז עס? זי אָפּערירט דאָך אין די ראַמען פון אַ צעטיילטער געזעלשאַפט אין קאָנטעקסט פון דרום-אַפריקע. אירע מאַן-פרוי פּראָטאַגאָניסטן, ווייסע און שוואַרצע, געפינען זיך אויף דער קרייץ-ליניע פון איר לעבנס-דערפאַרונג. דעריבער האָט זי מיט דער הילף פון איר פּראָליפישן שאַפן אין זשאַנערס: פיקציע, ראָמאַנען, קורצע דערציילונגען, עסייען, ליטעראַטור-קריטיק

און אַרבעטן פאַר טעלעוויזיע - געזוכט אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויפן פּלאַנעט: היינטצייטיקייט...

אין אַן אינטערוויו האָט נאַדין גאָרדימער באַמערקט וועגן איר בוך "אַ בכבודיקער גאַסט": "איך האָב געפּרוווט שרייבן אַ פּאָליטישן ראָמאַן, באַהאַנדלט אַ פּאָליטישע טעמע, אַזוי פּערזענלעך ווי ליבע־געשיכטע". אָבער ביים שרייבן האָט זי צונויפגעוועבט צוויי געשיכטעס: אַ ליבעראַלער ווייסער, ברעי, איז צוריקגעקומען נישט צו דער זעלבער דרום־אַפריקע וועלכע ער האָט פאַרלאָזט, נייערט צו אַ ניי אַפריקאַנער לאַנד, וואָס די מחברין וויזיאָנירט פאַר דער צוקונפט פון איר געבוירן־לאַנד. איינצייטיק איז ער צוריקגעקומען צו זיין געליבטער, רעבעקאַ, וועמענס געשיכטע ווערט קאָנטיניואירט אויך נאָך ברעיס טויט.

גאָרדימערס ווערק "אַ בכבודיקער גאַסט" איז געשריבן געוואָרן אין 1970, אין דעם יאָר ווען עס זענען דערשינען צוויי ביכער, וואָס האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ רושם: קעיט מילערס "סעקסועלע פּאָליטיק" און שולמית פּייערשטיינס די "דיאַלעקטיק פון סעקס". ביידע ביכער עקזאַמינירן אויך די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון מאַכט. גאָרדימער האָט עקספּלאָרירט די פאַרבינדונג פון אידעאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן, אין דער קאָנסטרוקציע פון אַ טאָפּל־אַקציע. די סעקסועלע שייכות צווישן די ביידע פּראָטאַגאַניטן, רעבעקאַ און ברעי, געפינט זיך אין צענטער פון ראָמאַן, וואָס באַהאַנדלט די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון אַ דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז רייכס אַנאַליז פון דער דורכגעפאַלענער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ("די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון פאַשיזם") פּאַסט זיך אַריין אין ליטעראַרישע טערמינען פון פּסיכאָ־לינגוויסטיק, צו גאָרדימערס "אַ בכבודיקער גאַסט".

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט די נאָבעל־זשורי דאָס בוך פון גאָרדימער "אַ בכבודיקער גאַסט" באַצייכנט ווי אַ ווענדפּונקט אין איר ליטעראַרישן שאַפן. נאַטור־אויפהיטונג וואָס פאַרנעמט אַזאַ אויבן־אָן אין דער היינטצייטיקער פּובליציסטיק און פּאָליטיק (בפרט ביי די יונגע דורות) האָט אין גאָרדימערס בוך ד ע ר ק אָ נ ס ע ר ו ו י י ש אָ נ י ס ט באַקומען אַ תיקון אין דעם דרום־אַפריקאַנער זולו־מיטאָס. אינעם לשון פון דער זולו־קולטור פאַרנעמט נישט דער טערמין ב אַ ז י ץ קיין שום וויכטיקן אָרט אין לעבן. גאָרדימערס זין פון איר בוך־טיטל באַטייט: די שוואַרצע קאָנסערווירן זייערע גלויבונגען אינעם צוריק־געבוירן־ווערן פונעם לאַנד און זיינע מענטשן. עס איז נישט דער מאַן, נאָר די פרוי וואָס גיט עקספּרעסיע דער זולו־קולטור צו לייזן אַלע פּראָבלעמען פון לאַנד. די פאַרבינדונג פ ר ו י א ו ן ל אַ נ ד חזרט זיך איבער אין אַלע געשעענישן פונעם סוזשעט. די פרוי־עקספּלאָאַטאַציע און די עקספּלאָאַטאַציע פון לאַנד זענען אין די שילדערונגען פאַרבונדן. סעקסועלע שולד פונקציאָנירט ווי אַ סוראָגאַט פון דער קאָלאָניאַלער שולד אין דרום־אַפריקע. קולטורן מימיקירן איינע די אַנדערע. זיי אַבסאָרבירן, גיבן זיך איבער פּאַסיע, אַגרעסיע.

דורכן זולו־מיטאָס האָט גאָרדימער אַרויסגעבראַכט די פאָרמעלע פאָרמען פון איר ראָמאַן. דער אַקצענט פונעם בוך איז אויף אַ גאָר פאַרשיידענעם באַוווסטזיין פון דער עפנטלעכער רעטאָריק אין דרום־אַפריקע. נישט פאַראַן אין לאַנד קיין שלום־בית אויך צווישן די שוואַרצע. זייערע באַזונדערע עקזיסטענצן, באַגלייט פון פאַרשיידענע וועלטן און קאָדעקסן, טוען זיך קאָמוניקירן אויף אַ גרויליקן אופן.

די מחברין צייכנט אַ וויזיע פון דרום-אַפריקע אָן דעם ווייסן מענטש - ווו די אַטראַקציע צום לאַנד און צו דער פרוי זענען אַזוי אידענטיש, אַז דאָס אָפּוואַרפן איינס מיינט אויך דאָס אָפּוואַרפן די צווייטע. די נאַטירלעכע לאַנדשאַפט שאַפט דעם ווידערשטאַנד צו דער רעאַליטעט, ווי צו דער רעטאָריק. די סימבאָליק פון נאַטור פאַרשפּיגלט אַ וויזיע פון רעאַליע: דער רעגן לייזט אויף די נאָרמאַלע דרכים און וועגן פון דער געזעלשאַפט, אָפּוואַשנדיק אי סאָציאַלע דאָמינירונג, אי אַ וועג פון זען ווו צו גיין, דער זין פון פּערספּעקטיוו האָט זיך געענדערט. ווייסע רעטאָריק ווערט אָפּגעוואַשן איצט. זאַכן, שפּראַך, ענדערן זיך. אָבער די נייע רעאַליע שטייט ביים סוף פון בוך אונטער אַ פראַגע-צייכן. עס שווימט אויף די פראַגע: וואָס איז רעאַל? וועלכע ווערסיע פון געשעענישן איז די אַקצעפּטירטסטע? צי איז עס די ווערסיע, אַז אַן אָרנטלעכער ווייסער איז געוואָרן דערמאָרדעט דורך שוואַרצע אויסוואָרפן? איז דער שוואַרצער אַרעסטירט געוואָרן דורך דעם רעפּרעסיע-רעזשים? צי האָט דער רעזשים ווי אַן אינדוסטריעלער, אַנטוויקלט דאָס לאַנד?

איך שרייב וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק אין אַן אָוונט, ווען איך האָב געזען אויף דער טעלעוויזיע אַ שוועדישן פילם, געמאַכט אין ישראל, אויפן הינטערגרונט פון אַן אינטערוויו מיט דעם בונטאַרישן פּראָפעסאָר לייבאָוויטש, וועלכער איז באַוווּסט מיט זיין גאָר ברענענדיקער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג מיט די עקסטרעמיסטישע פרומע פּאַרטייען אין אַ"י.

די שפּראַך פון פּראָפעסאָר לייבאָוויטש לגבי דעם ציוניזם רופט זיך איבער מיט דרום-אַפריקע פון די שוואַרצע און קאָלירטע ראַסן לגבי דער אַפּאַרטהייד.

ווי מיר זעען פון מיין אַנאַליזירן גאָרדימערס בוך, רופט זיך קונסט איבער מיט לעבן אויף פאַרשיידענע קאָנטינענטן, ווו עס גייען אָן קאַמפן, ראַנגלענישן צווישן פעלקער און עטנישע גרופּן. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דער היינטיקער רוסישער מאַפּע נאָכן צוזאַמענברוך פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. גאָרדימערס פיקציאָנעלע שילדערונגען פון דרום-אַפריקאַנער פּראָבלעמען, זענען ווי פּרעציז צוגעשניטן צו פּאָליטישע סיטואַציעס אין אַנדערע לענדער, ווו די פּראָבלעמאַטיק האָט אַן אַנדער עטנישע באַפאַרבונג און אויסקלאַנג פאַר אונדז - אָבער אין תוך-גענומען שטעלט זי אַוועק די זעלבע שאלה: וואָס איז רעאַל?...

כאַראַקטעריסטיש איז גאָרדימערס באַמערקונג וועגן קאָלאָניאַליזם אין טערמינען פון אַ שפּראַך. אין ד"אַ איז דאָס שרייבן, און זיך באַנוצן בלויז מיט איינער פון די פּילצאָליקע שפּראַכן, פון וועלכע יעדע פון זיי איז געקניפּט און געבונדן צו אַ קאַסטע, קלאַס, ראַסע, פאַר זיך גענומען אַ פּאָליטישער אַקט, אַ מאָנונג פון אַ קולטור-טעריטאָריע. וועדליק גאָרדימער איז דעקאָלאָניזאַציע דער ערשטער שריט צו אַ פּאָליטישער רעאַליע.

נישט אַזוי פּשוט איז אָבער דער צוגאַנג צו מיטאָסן פון אָפּשטאַם, באַגלייט מיט דער פונדאַמענטאַלער שאלה: ווער וועט יירשנען ד"אַ? ווי אַזוי וועט עס ווערן קאָנסטערווירט?---

דאָס זענען פראַגן וואָס ווערן אַריינגעשטעלט אין טערמינען פון זולו-מיטאָס: ריטואַל, לעגענדעס, גייסטער ווערן סימבאָליש אַריבערגעטראָגן צו רעאַליסטישע טערמינען פון נישט באַצאָלן אַ חוב צו דער קולטור. אין דער פּראַקטיק מיינט עס, אַז די רעגנמאַכערס פאַרשוואַרצן די ערד אַרום זייערע כאַלופּעס; אין גלויבן, אַז דער גאָט

וועט דערזען דעם שוואַרצן שטח, וועט ער וויסן אַז דער רעגנמאַכער זוכט רעגן.

אין זולו־מיטאָס איז דער בליץ־פויגל, דער וואָס ברענגט רעגן, אַנרירנדיק דאָס גראָז מיט פייער. די רעגנמאַכערס זענען מקריב קאָלירפולע פייגל, גלויבנדיק אַז די טריקעניש נעמט אָן דעם קאָליר פון לאַנד. דאָס דערהרגענען פונעם באַפעדערטן האָרנביל, וועט גורם זיין דער הימל זאָל וויינען...

אין גאָרדימערס ראָמאַן איז דאָס וואָס מיר באַצייכענען מיטן טערמין זאַבאַבאָנעס, ביי די זולוס און אַנדערע שבטים אַן אויסדרוק פון גייסטער־מיטאָסן אויף אַן הינטערגרונט פון די פרויען־מיטגלידער פון דער סעקטע ציון - אַן אָפּגעשפּאָלטענע פון אָרטאָדאָקסישן קריסטנטום, אַריינגעפּאַסט אין די גלויבונגען פון די איינגעזעסענע. מיר דאַרפן די גלויבונגען פון אונדזערע אויסטראַלישע אַבאָרידזשיניס ווי פון די דרום־אַפריקאַנער זולוס, אָננעמען ווי די גלויבונגען אין די מאָנאָטעיִסטישע הויפּט־רעליגיעס, וועלכע זענען אין לויף פון יאָרהונדערטער געוואָרן מער פאַרגייסטיקט און טראַנסצענדענטאַל. די פרום־גלויביקע פון אַלע רעליגיעס דערקלערן, אַז מיר קענען נישט פאַרשטיין גאָטס דרכים. אויף דעם באָדן זענען דאָך אויסגעוואַקסן די מיסטיקער אין די מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס.

כאַראַקטעריסטיש פאַר נאַדין גאָרדימער איז, וואָס די טעמאַטיק און באַהאַנדלונג אין אירע רייפע ווערק זענען קאָנצענטרירט אַרום דער שוואַרצער וועלט מיט אירע פאַרשיידנאַרטיקע דימענסיעס, בעת אין אירע ערשטע ווערק האָט זי כמעט איגנאָרירט די שוואַרצע וועלט און זיך הויפּטזאַכלעך קאָנצענטרירט אויף דער פּרויאישער אַנטוויקלונג. עס קענטיקט זיך, אַז דער מחברין איז געווען שווער צו געפינען אַ זשאַנער. אין ד"א, ווי אין אַנדערע קאָלאָניאַלע קולטורן, האָט אַ סך ווייסע שרייבערס געפעלט אַ זשאַנער צו פאַראייגענען זיך. דאָס איז קענטיק אין גאָרדימערס פריצייטיקע ווערק, ווי "ליגנערישע טעג";.״א וועלט פון פרעמדע״ און אַנד. די העלדין פון "ליגנערישע טעג", העלען שאָו, נעמט אויף איר עקזיסטענץ ווי אַ פּעריפעריאַלע צו איר אייראָפּעיִשער דערפאַרונג. זי זאָגט וועגן זיך: כ'האָב קיין מאָל נישט געלייענט אַ בוך אין וועלכן כ'זאָל זיך אַליין דערקענען".

פאַר איר זענען די ראָמאַנען מיט אַ דרום־אַפריקאַנער הינטערגרונט - אומבאַקאַנטע אַרויסרופן פון עפּעס ווילדע שבטים, דזשונגלס, העלפאַנטן. ווידער אין "אַ וועלט פון פרעמדע", זעט העלען אין יואל אַהרנס היים עפּעס צוויי עקזאָטישע פּאָרטרעטן פון זיינע זיידעס, "איינער, אַ תלמודישער געלערנטער, אַ נאַרישער מענטש אין אַ מאַסקע פון אַ פּאַטריאַרך" (ז' 311). שפּעטער דערוויסט זיך העלען, אַז די פאַמיליע (וואָס איז אַ טראַדיציאָנעל־יידישע), האָט תמיד צו הויך אָפּגעשאַצט דעם מאַן פון ספר, וואָס האָט יומם ולילה געלערנט, בעת די פרוי איז געווען די פרנסה־ברענגערין. מיר קענען דאָס צו גוט, אָבער פאַר גאָרדימערן איז עס מסתמא געווען אַן אַנטפּלעקונג. אין דעם בוך איז שוין אויך קענטיק גאָרדימערס אָנגריף "אויף דער שרעקלעכער טריומפירנדיקער אָפּגעזונדערטקייט פון אַפּאַרטהייד", וואָס פאַרוואַנדלט דרום־אַפריקאַנער אין פרעמדע, איינער צום אַנדערן. די מחברין מערקט נישט נאָך אָן, אין דעם בוך, אַ פּאָליטישע אָדער עסטעטישע היילונג. זי גיט בלויז אַ פעסטשטעלונג פון אַן עקזיסטירנדיקער רעאַליע.

ערשט אין איר בוך "אַ געלעגנהייט פאַר ליבע" זענען שוין פאַראַן פאַרבינדונגען, דערפאָלגרייכע, צווישן סעקסועלע און ראַסן־טעמעס. פּערסאָנאַליטעט פון די העלדן

ווערט פסיכאָ־אַנאַליזירט, טייל מאָל סאַטיריזירט, טייל מאָל אידעאַליזירט - וועלטן פון די שוואַרצע און ווייסע פּראָזשעקטירן אין אַ פּולער צי טיילווייזער שלימות.

אין "אַ געלעגנהייט פאַר ליבע" האָט גאָרדימער טראַנספאָרמירט איר אייגענע קינדהייט־דערפאַרונג אין אַ פּאָליטישן מעטאַפאָר פאַר דער שייכות פון מאַכט און ליבע. איר יונגע העלדין, סטילוועל, איז פונקט ווי גאָרדימער געוואָרן אַרויסגענומען פון דער שול אין עלטער פון 10-11 יאָר דורך אַ פּרעטעקסט פון אַ האַרץ־פעלער, וואָס איז פאַקטיש נישטאָ. די העלדינס מוטער לעבט איבער אַן עמאָציאָנעלע טראַומאַ קעגן איר איינאָפּעישן מאַן, פּועטס, וועלכע זי קען נישט פאַרטראָגן, און לאָזט אויס איר קאָמפּלעקס אויף איר יונגער טאָכטער, וואָס האָט נישט פאַרלאָזן דער מאַמעס הויז אין איר אונטערבאַוווסטזיין.

אין סוזשעט פון דעם ראָמאַן זענען נאָך אַריינגעפלאָכטן רעטראָספּעקטיווע מאָמענטן פון איר פאַרגאַנגענהייט - אַ רעקאָנסטרוקציע פון אַ פּראָצעס מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן איר מאַנס פּרוּוון צו שרייבן אַן אומפּאַרטייאישע געשיכטע פון ד״א. מיר זעען די בעלעטריזירטע ווערסיע פון דער מחברינס אַן אויטאָביאָגראַפישן קאַפּיטל.

די נאָבעל־זשורי האָט אין איר מאָטיוואַציע אויך אַרויסגעהויבן גאָרדימערס ווערק "בורגערס טאָכטער", וואָס איז צוזאַמען מיט אַנדערע אירע ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ ריי שפּראַכן, צווישן אַנדערע - אויך אין עברית. איך האָב געהאַט געלייענט אַן אינטערוויו, וואָס שאַראַנסקי האָט געהאַט מיט גאָרדימערן, און זי האָט שאַרף קריטיקירט ישראל, וואָס האָט נישט אונטערגעהאַלטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן בויקאָט קעגן ד״אַ צוליבן אַפּאַרטהייד. שאַראַנסקי האָט פּירגעוואָרפן די מחותנישאַפט פון ד״אַ קאָנגרעס מיט אַראַפאַטן. בעת איך האָב עס געלייענט, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ ציטאַט פון איר "בורגערס טאָכטער", ווו די מחברין זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין לאַנד אין דער מערב־וועלט וואָס זאָל נישט האָבן קיין באַגעגעניש מיטן פּראָבלעם פון ראַסיזם.

ראָזאַ בורגער איז די טאָכטער פון אַ דרום־אַפריקאַנער קאָמוניסטישן העלד. ווי באַקאַנט איז אין דעם לאַנד די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ באַשטייטייל פון "אַפריקאַנער קאָנגרעס". ראָזאַ איז וואַרשיינלעך אויך אַ קאָמוניסטין, אָבער עס אַרט זי ווען מ'זאָגט אַז אירע מיינונגען רעפלעקטירן איר טאַטנס. דער ריס צווישן דורות אויף אַ קאָמוניסטישן הינטערגרונט אין ד״אַ איז פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע טעמע. און גאָרדימערס געוואַגטע סטראַטעגיע איז אויסצוקלייבן אַ פּאָקוס פון ראָמאַן, ווען אַ ווייסע פרוי זוכט צו דערגרייכן אויטאָנאָמיע דורך אַ רעוואָלט קעגן איר פאָטער - אַ רעוואָלטירער קעגן ראַסיזם. איר פאָטער באַקעמפט דאָך פּאָליטישע רעפּרעסיעס, נעמט זיין טאָכטער אָן די ראָל צו באַקעמפן זיין פסיכאָלאָגישן איינפלוס, דורך פאַרבינדן זיך מיט די כוחות פון פּאָליטישער רעפּרעסיע.

די מחברין צייכנט אַ פּאַראַדאָקסאַלע פסיכאָלאָגישע סיטואַציע. אַ וואַריאַציע וועגן אויטאָראַטיווע טאַטע־מאַמע און דעם בונט פון זייערע קינדער קעגן זייער דאָמינירונג. עפּעס ענלעכס האָב איך געלייענט אין "דהי אויסטראַליען דזשואיש ניוס" פון שמחה בריליאַנטס טאָכטער, וואָס הייסט רבקה מעטיוז. איך האָב שמחה בריליאַנט באַקענט אין מעלבורן אין 1938, גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין אויסטראַליע. ס'איז געווען דעמאָלט ווי היינט, אַ ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין לאַנד, און צו באַקומען אַרבעט פאַר אַ ניי־געקומענעם איז געווען זייער שווער, בפרט, ווען דעמאָלט איז נאָך נישט געווען די

"דזשואיש וועלפעיר סאָסייטי" און מען האָט געמוזט אָנקומען צו פּריוואַטע עסקנים. איך האָב פּרובירט מיט עטלעכע און נישט מצליח געווען, האָט מען מיר אָנגעמערקט שמחה בריליאַנט. ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ קאָמוניסטישן סימפּאַיקער, אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט ליב יידיש, און איז אַ פּאָלקסטימלעכער מענטש. איך בין אַריין צו אים אין שטוב, זיך באַקענט מיט אים און זיין פרוי און אויך באַמערקט זיין 18־יאָריקע טאָכטער - אַ סטודענטין אין אוניווערסיטעט.

איז מיר איצט געווען אינטערעסאַנט צו לייענען, וואָס זיין טאָכטער האָט צו דערציילן וועגן זייער שטוב. אַ שאָד וואָס זי דערמאָנט נישט די קולטור־אָוונטן אין זייער שטוב פון אַ יידישלעכן כאַראַקטער. אַפּנים אַז דאָס האָט איר נישט אינטערעסירט. און גראָד זענען אָט די פּאָלקסטימלעכע אָוונטן נאָך יעדער טעאַטער־פאָרשטעלונג אין מעלבורן געווען אמתע יידישע קולטור יום־טובים.

די טאָכטער באַטאָנט, אַז אירע עלטערן זענען געווען אַ טייל פון אַ שטאַרקן יידישן קולטור־לעבן (אין מעלבורן), איר מוטער, ראָזע בריליאַנט, איז אויך אַפילו געווען פרעזידענטין פון "קדימה". (אויך איר פאָטער איז געווען). דאָס יידישע קולטור־לעבן אין אויסטראַליע האָט שטאַרק געוואָסן פון די הערלעכע פאָרשטעלונגען, וועלכע דער בינע־קינסטלער יעקב וויסליץ, וואָס איז דעמאָלט געקומען אויף גאַסטראָלן קיין אויסטראַליע, אָנהייב 1938, האָט צוזאַמען מיט דער "יידישע בינע" (אַ טעאַטער־טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אַקטיאָר יאַנקל גינטער) געשפּילט קלאַסישע פּיעסן פון בעסערן יידישן טעאַטער, פון דער באַרימטער ווילנער טרופּע.

שמחה בריליאַנט איז געווען אַ בעל־מנגן, שטאַרק ליב געהאַט יידישע נגינה און נאָך טעאַטער אויפפירונגען זענען אַ סך מאָל פאָרגעקומען, אויך אין זיין הויז, מסיבות, וועלכע איך האָב בייגעוווינט. דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ קאַפּיטל פונעם יידישן לעבן אין מעלבורן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, פון וועלכע איך בין געווען אַ לעבעדיקער עדות און מיטבאַטייליקטער.

אָבער מיין טעמע איז דאָך דרום־אַפריקע און די ווערק פון דער נאָבעל־לאַוראַטין, נאַדין גאָרדימער.

מיין דיגרעסיע וועגן בריליאַנטס טאָכטער, רבקה מאַטיוס, די קאָמוניסטישע אַקטיוויסטקע, אירע חילוקי־דעות מיט די עלטערן רופט זיך איבער מיט גאָרדימערס העלדין, אַ ווייסע פרוי וואָס זוכט איר אידענטיטעט דורך אַ ריס מיט איר קאָמוניסטישן פאָטער. דאָס בוך "בורגערס טאָכטער" שטעלט אָוועק די פּראַגע ראַסיזם, ווי די פּרימאַ און סעקונדאַ־פּאָליטיק פון אַ ווייסער מינדערהייט־רעגירונג, וועמענס ריכטליניע איז: צעטייל און הערש!

איך האָב געשריבן די שורות אין אַ הייסן מאָמענט פון דרום־אַפריקע בעת אַ רעפערענדום, וואָס דאַרף אַנטשיידן דעם ווייטערדיקן גורל אין לאַנד, ל ח י י ם אָדער ל מ ו ו ת. די "הייסע קאַרטאָפל", די פּאָליטישע סענסאַציע אין דער וועלט־פּרעסע, ווי אַזוי די פריערדיקע ראַסיסטישע רעגירונג האָט געגעבן מיליאָנען שוחד־געלט די שוואַרצע זולו־פירערס דורכצופירן טעראָר־אַקטן קעגן די שוואַרצע אונטער דער השפּעה פון "אַפריקאַנער נאַציאָנאַלן קאָנגרעס", איז נישט קיין ממזר־קינד אין דער געשיכטע פון קאָלאָניאַלער הערשאַפט אין אַפריקע, ווי אויף אַנדערע קאָנטינענטן.

גאָרדימער וואָס האָט דעם ענין בעלעטריזירט אין איר שאַפן, און ביי דעם, זיך אַליין אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאַראַדאָקסאַלער לאַגע, שרייבט: "אַ ווייסער דרום־אַפריקאַנער

נאָוועליסט איז אויטאָמאַטיש קאָרומפּירט דורך אַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע". גאָרדימערס אוידיטאָריע איז דאָך געווען נאָר דער ווייסער לייענער, ווי אַ טייל פון דער ראַסיסטישער געזעלשאַפט. און די געזעלשאַפט האָט זיך קלאָר געזען אָפּגעשפּיגלט אין "בורגערס טאָכטער".

אַגב איז דאָס בוך געווען איינס פון די וועלכע די צענזור האָט אויף אַ געוויסער צייט פאַרבאָטן. אַ דאַנק דער אינטערנאַציאָנאַלער פּוריע, איז דער פאַרבאָט אַראָפּגענומען געוואָרן. כאַראַקטעריסטיש איז ווי דער ראָמאַן הייבט זיך אָן מיט דער אָפנהאַרציקער דערקלערונג: קיינער רעדט נישט צו זיך אַליין. מען אַדרעסירט זיך תמיד צו עמעצן (...) אַפּילו חלומות ווערן דורכגעפירט פאַר אַ פּובליקום.

די הויפּט-פּראָטאַגאָניסטין, ראָזאַ בורגער, פּסיכאָ-אַנאַליזירט זיך גופא דורך אַ פאָקוס פון איר אָנוועזנדיקייט אין די אויגן פון אירע אָבסערוואַטאָרן, צופעליקע פאַרבייגייערס, אין דער רעטאָריק פון לינקס, וואָס זעט אין איר "די קליינע ראָזאַ בורגער".

אין בוך איז געשילדערט אַ מאָמענט, ווען זי באַקומט אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אַ שוואַרצן, וואָס זיצט אין טורמע און מען לאָזט נישט צו אים צו קיין באַזוכער. זי באַקומט הסכמה פון אירע עלטערן צו פאָזירן אַלס זיין כלה און אַזוי אַרום קענען אים באַזוכן. ראָזאַ האָט פאַר זיך אַליין רעפלעקטירט די פראַגע: ווען זיי האָבן מיך געזען מחוץ דער טורמע וואָס האָבן זיי געזען? (...) דעם פּראָפיל פון אַ האַנט-שפּיגעלע רעפלעקטירט אין אַ גרעסערן שפּיגל.

דער לייענער פון גאָרדימערס בוך האָט די מעגלעכקייט צו הערן ראָזאַס שטימע, די אינעווייניקסטע פון איר נשמה. בעתן הערן שפירט ער, אַז דאָס וואָס זי וויל זיך אָפּרייסן פון איר פאָטער, איז ווי אַ פאַרשפּעטיקטער רעוואָלט קעגן דער אידעאָלאָגיע פון איר פאָטערס גענעראַציע. זי האָט געמאַכט אַ רייזע איבער איראָפּע, און זיך באַקענט מיט די פאַרשיידענע פאָרמען פון יוראָ-קאָמוניזם, האָט זי ביים אומקערן זיך צוריק פון פראַנקרייך, אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אַליין די פראַגע: פאַרזעצן דעם פּאָליטישן קאַמף, אָדער מאַכן אַ פרייען אויסוואַל אויף דער באַזע פון אַן אינערלעכן זיך-פאַרשטיין?

אין סוזשעט שווימט אויך אַרויס די פראַגע, צי זי איז פּשוט אַוועק פון סעקסועלן לעבן אין איראָפּע כדי זיך אומצוקערן צו אַן אומסעקסואַליזירטער זיכערקייט, אַ טורמע פאַר פרויען, ווו זי איז צוריק דעם טאַטנס טאָכטער?

ווי עס זאָל נישט זיין, איינס איז קלאָר: ראָזאַ וויל נישט קאָנפאָרמירן צו אירע עלטערנס אימאַזש וועגן איר. עלטערן און קינדער פאַרשטייען זיך נישט איינער דעם אַנדערן.

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די פּראָבלעמען פון דאָזיקן בוך, ווייל זיי זענען אוניווערסאַלע, הגם אין בוך האָבן זיי אַ לאָקאַלן דרום-אַפריקאַנער קאָלאָריט. דעם ריס צווישן עלטערן און קינדער האָט נאָך טורגעניעוו באַהאַנדלט אין 19-טן י"ה אויף אַ רוסישן הינטערגרונט. עס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער העברעישער ליטעראַטור, "האָבות והבנים". אַזוי אויך אין די ליטעראַטורן ביי אַנדערע פעלקער.

וואָס שייך גאָרדימערס סוזשעט, איז אַריינגעוועבט אַ מאָמענט, ווי ראָזאַ ווערט איינגעזעצט אין טורמע דורך אַ מסירה-פאַרדאַכט, אַז זי פירט אָן מיט אַ רעוואָלט פון די שול-קינדער – אַן אינסינואַציע-מסירה פון אַ סאָסייעטי, אַ שוואַרץ-מאַהדיקע, א"נ

**גרוינאַ קאַהן / מאָנטרעאָל**

## דריי מאַמעס

אויף אַ באַנק אין פּאַרק, פּאַרנאַכט,
זיצן מאַמעס דריי פאַרטראַכט.
"וואָס־זשע טראַכט איר, מאַמעס דריי?"
"ס'איז דאָס לעבן שוין פאַרביי".

"אויסגעגעבן טעכטער פיר,
ס'וווינט קיין איינע ניט מיט מיר",
זאָגט די ערשטע.

"כ'האָב דריי איידעמס און צוויי שניר,
קיינער האָט קיין פּלאַץ פאַר מיר",
זאָגט די צווייטע.

און די דריטע זאָגט אַזוי:
"כ'זיץ, מיין ליבער, דאָ און טראַכט,
וואָס צו קאָכן היינט פאַרנאַכט.
ווי איך עפן נאָר די טיר,
לויפן אייניקלעך צו מיר.

און זיי זינגען און זיי שפּרינגען,
און איך טאַנץ מיט זיי אין ראָד
כ'יאָג אַוועק פון זיך די עלטער,
כ'דאַנק פאַר יעדן טאָג דיר, גאָט".

## אַ מאַמעס ווונטש

שטאַרבן וויל איך אין דער שטיל,
אַז קיינער, קיינער זאָל ניט הערן
איך וויל ניט, קינד, דיין רו צעשטערן,
דו זאָלסט פאַרגיסן הייסע טרערן.

האָסט אויפגעבויט אַ נעסט אַליין
און אין דיין נעסט - צוויי פייגל זינגען
זאָלן אין נעסט נאָר לידער קלינגען,
איך וויל נישט הערן קיין געוויין.

באַלד וועלן אויסגלייכן די פליגלען,
די קליינע פייגעלעך די צוויי און פליען,
און זאָל קיין וואָלקן זיי נישט שטערן,
זאָל שטענדיק זיין דער הימל בלוי.

---

"שוואַרצער ברידערטום". צום פולן רומל, איז אַזאַ ווילדגעוויקס אויך דאָ אין דרום־אַפריקע, געוועדט מיטן שפּיץ קעגן דעם שוואַרצן אָדער ווייסן פּאַטערנאַליזם (טייטש: פּאַטערישקייט).

איך האָב געמאַכט אַ קריטישן "שפּאַציר" איבער אַ ריי ווערק פון נאַדין גאָרדימער, פאַרשטענדלעך נישט אַלע. איז דען דאָס נויטיק? אָנגעטראָפן אין אירע ביכער אַרויס זאָגונגען וועגן זין פון אַ מענטשלעך לעבן, ביי וועלכען קיין טייל קען נישט אָפּשטאַרבן אויסער אין טויט. אויך וועגן אַן אָנהייב פון לעבן - אַ חוץ געבורט. און דאָס לעבן פליסט, באַטראַכט זיך, און - פליסט ווייטער.

די מחברין דעקלאַרירט זיך ווי אַ סאָציאַליסטין אין איר אַלגעמיינעם אויסבליק. אין מיטן די 1960ער יאָרן זענען אירע פריינד פון אַ פריערדיקער דעקאַדע שוין געוועזן אין אויסלאַנד צוליב דער אַפּאַרטהייד. אַ גאַנצע גענעראַציע שוואַרצע שרייבערס זענען געוועזן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דרום־אַפריקע. ווי אַ רעאַקציע קעגן דעם, האָט גאָרדימער אָנגעהויבן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן דער צענזור, געבראַכט עס צום אויסדרוק אין אירע עסייען און רעדעס.

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז זי זייער פּראַקטיק אין אַ ריי זשאַנערס צו וועלכע זי האָט מיט איר שאַפן געגעבן אַ וויכטיקן ביישטייער. דאָס אַלץ איז אַריין אין חשבון ביים צוטיילן איר די העכסטע פּרעסטיזש־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור אין 1991.

לילקע מייזנער

# וועגן היינט און וועגן המשך

## פונעם יערלעכן באַריכט-רעפעראַט אין יידישן קולטור-קלוב

טייערע פּאַרזאַמלטע, טייערע געסט!

ווידער האָבן מיר אַ שלוס-פייערונג פון אונדזער יידישן קולטור-קלוב, וועלכער איז אַן אוניקום אין שטאָט און אפשר אויך אין לאַנד. כ'בין איבערפולט מיט געפילן פון פרייד וואָס מיר האָבן דערגרייכט אָט דעם פונקט און צוגעפירט די "שיף" צו אַ ברעג.

מיט יאָרן צוריק האָט אַ גרופּע "פלאַטערקעפּ" זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צונויפצונעמען אַלע גײַזעלשאַפטלעכע כוחות אין שטאָט און אַרבעטן לטובת דער יידישער קולטור, אָפּהיטן אונדזער קולטור-ירושה. זינט דעמאָלט זענען שוין פאַרביי 67 יאָר, 67 יאָר פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דורך דער צייט זענען קיין שום "פּוטשן" ביי אונדז נישט פאָרגעקומען, מען האָט קיינעם פון "טראָן" נישט אַראָפּגעזעצט... אויב דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען צווישן די טוער און מיטגלידער פון קלוב, זענען עס געווען דיסקוסיעס וועגן שענער און בעסער מאַכן אונדזער טעטיקייט. פון אָנהייב אָן האָבן די טוער פון אונדזער קלוב גענומען אויף זיך די אחריות און זאָרג פאַרן ריינעם יידישן וואָרט. זענען טאַקע די וואָרט-קאָנצערטן און רעפעראַטן אינעם קלוב שטענדיק געשטאַנען אויף אַ געהעריקן ניוואָ, און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

איז אַוודאי כדאי היינט צו דערמאָנען די אומדערמידלעכע טוער, וועלכע זענען אין משך פון די יאָרן אַוועק פון אונדז. האָט דאָך יעדער פון זיי איבערגעלאָזט אַ געוויסן שטעמפּל, אַ געוויסן קאָליר אין דער אַלגעמיינער קאַנווע פון אונדזער קולטור-טעטיקייט. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן די מענטשן, וועלכע האָבן אַ סך מי און אַרבעט, ליבשאַפט און פעיקייטן אַוועקגעגעבן אונדזער קלוב. שווער אַלעמען אָמטן, און די וואָס האָבן אויף זייער שטילן אופן געהאָלפן אין דער שווערער אַרבעט - פאָרזיצערס, ביבליאָטעקאַרן, רעדאַקטאָרן, בויער פון קלוב: פ ר י ד ל אַ נ ד , ס אַ פ י אַ ן , נ י ו מ אַ ן , אַ ל י מ ל ך ד י י ט ש , ט ע נ ע נ ה אָ ל ץ , מ ל כ ה ט ו ז מ אַ ן , ב ו נ י ן , ד י צ ו ק ע ר מ אַ נ ס , א ר י ה פּ אָ ז י , אַ ז אָ ל י ן , ר ו י ז נ ב ל אַ ט , ש ל אָ ס ע ר , אַ ל ע ק ס ר אָ ב י ן , ס ע ר ג י י נ ו ט ק ע ו ו י ט ש , ב ר י י ס , נ ו ד ל מ אַ ן , מ ש ה כ ה ן , נ אָ ר מ אַ ן ק אַ ר י ן , י ש ר א ל ג ו ב ק י ן . אויך אונדזערע חברים און חברטעס וואָס זענען אַוועק פון אונדז היינטיקס יאָר. מיר דערמאָנען זיי אַלע מיט ליבשאַפט און כבוד.

אויף אונדזער יערלעכן באַנקעט גיבן מיר געוויינטלעך אָפּ אַ טעטיקייט-באַריכט. וועלן מיר עס אויך טאָן היינט. מיר ווילן פאַר אייך שאַפן אַ בילד פון אונדזער אַרבעט, אונדזערע שוועריקייטן און דערפאָלגן.

אָנגעהויבן דעם זמן האָבן מיר דעם 24-טן אָקטאָבער 1992 און געענדיקט דעם 13-טן יוני 1993. פאַר דער צייט האָבן מיר דורכגעפירט 30 שבת-אָוונטן. די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט, יעדער האָט בייגעטראָגן דאָס מאַקסימאַלע, אין די ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן. ווילן

מיר זיי היינט פאָרשטעלן פאַר אייך און אויסדריקן אונדזער דאַנק פאַר דער מיפּולער אַרבעט. דאָס זענען: צבי הירש, יעקב שייפער, גרשון פרידמאַן, מענדל און רחל סלוצקי, בעלאַ פּאָזי, אסתר ליפשיץ, סימע לעווקאָוויטש, יוסף סאָסקי, נתן שטיינמאַן, אסתר כהן, מאָניע גאָרפיין, מאַשע הענלי און זעלדע מאַלעוויטש, אונדזער מוזינקע, נו, און לילקע מייזנער - פאָרזיצערין.

*

עס איז נישט לייכט צו פירן יידישע קולטור־אַרבעט דאָ ביי אונדז אין שטאָט, ווי בכלל אין אַמעריקע. אָבער מיר זענען עקשנים, און מיר דאַרפן זיך אַליין לויבן. אפשר טוען מיר נישט גענוג, אפשר זענען מיר נישט גענוג אַגרעסיוו, אָבער די אַרבעט איז אַן אַנזעעוודיקע, מען קען אונדז אין שטאָט ווי "דער זייל פון יידישער קולטור". אונדזערע אָוונטן יעדן שבת ווערן אין דורכשניט באַזוכט דורך 70 - 80 מענטשן. דאָס איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ גוטער באַזוך, אָבער מיר וואָלטן ווען אַ בעסערן. מיר וואָלטן וועלן, אַז אונדזערע צוזאַמענטרעפן זאָלן ווערן באַזוכט אויך דורך אַ ייִנגערן עלעמענט וואָס זאָל זיך באַקענען מיט דער רייכקייט פון אונדזער קולטור און מיר זאָלן זען דעם המשך.

די לעקטאָרן ביי אונדז זענען הייַנטיקס יאָר געווען: פּראָפ. דב נוי פון ישראל, סעם בונין, באַשע וואַנאַמייקער, מלכה שאָו, דער דיכטער חיים שוואַרץ, סיבעל בענדער, מאַיאַ אייזן־ווייספעלד פון מעקסיקע, דער שרייבער משה וואָלף פון פּאָרטלאַנד, לילקע מייזנער, חיהלע אַש פון פילאַדעלפיע, ראָבערט מילער, דער שרייבער מיכאל מירסקי פון קאָפּענהאַגן, פּראָפ. צוקערמאַן, דער דיכטער משה שקליאַר, בערנאַרד וויסבערג, פּראָפ. הערשל סלוצקי, און גאָלדי קאהן.

אַקטיאָרן, זינגער און אינסטרומענטאַליסטן: יעקב לעווין, יעקב באַסנער, אַנדרעיאַ סמיד, ריסאַ איגעלפעלד, פּסח מאַלעוויטש, יעקב דענקער און דאָראַ ווינדלער פון אַרגענטינע, מלכה שאָו, דיאַנאַ וואָלמאַן און דער חזן הערשעלע פּאַקס מיט זיין פרוי.

די טעמעס זענען געווען אינטערעסאַנט און האָבן באַרייכערט די צוהערער. כמעט אַלע לעקציעס זענען געווען אין יידיש, וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסער געווינס.

אונדזערע וואָרט־קאָנצערטן זענען אַ שעדעווער, און די אָוונטן מיט אינסטרומענטאַליסטן, אויסטייטשער פון יידישן ליד און וואָרט זענען אַ זעלטענע געשעעניש אין שטאָט.

מיר באַמיען זיך אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען מיט אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען נאָענט צו יידישער קולטור־אַרבעט, ווי דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג, דער פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג. צוויי מאָל אַ יאָר פירן מיר דורך געמיינזאַמע אונטערנעמונגען: צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און צום יאָרטאָג נאָכן מאָרד פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער. מיר האָבן קאָנטאַקטן מיט יידישע קולטור־ווינקלען אין לאַנד. אונדזער זשורנאַל "חשבון" אונטער דער רעדאַקציע פון משה שקליאַר האָט אַן

אָנזען אין דער יידישער קולטור-וועלט. עס באַטייליקן זיך אין אים אַ סך יידישע שרייבערס מיט עסייען, לידער און פּראָזע-שאַפונגען.

ציײַטנווייז רעאַגירן מיר אויף נעגאַטיווע דערשײנונגען אין יידישן לעבן בײַ אונדז אין שטאָט. אַזוי, למשל, האָבן מיר געשיקט אַ פּראָטעסט-בריוו ווען אויף דעם דענקמאָל געווידמעט די אומגעבראַכטע יידן אין די געטאָס פון מזרח-אייראָפּע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין פּאַן-פּאַציפיק פּאַרק, איז נישט געווען קיין יידישער אָדער העברעיִשער אויפשריפט.

ווי איר זעט, טײַערע פרײַנד, טוען מיר אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן פּאָזיטיווע יידישע קולטור-אַרבעט. אָבער - אויב עס איז אַזוי גוט, פאַרוואָס איז שלעכט?

דאָ קומט פאַר אונדז אויף דאָס פּראָבלעם - המשך. פאַר אונדז מיינט עס צוקונפט. עס מיינט ווייטער ציִען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער טויזנט יאָריקער קולטור-ירושה. עס מיינט דערגרייכן דעם יינגערן דור וואָס זאָל איבערנעמען אונדזערע ווערטן, ווייטער שפּינען און שאַפן. מיר וואָלטן וועלן אַריבערוואַרפן אַ בריק, מיר וואָלטן וועלן אַז צו אונדז און אין ענלעכע ערטער זאָלן קומען יונגע מענטשן נישט אונדז אָנצוקוקן ווי באַשעפענישן פון אַן אַנדער פּלאַנעט, נאָר זען אין אונדז דעם דור, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפצוהאַלטן, קולטיווירן די אוצרות פון די פריערדיקע דורות, פון יידישע שאַפערס און זייערע אָפנעמער וואָס זענען אומגעקומען מיט דעם לשון יידיש אויף זייערע ליפּן.

יאָ, עס באַווייזן זיך דאָ און דאָרט קליינע ליכטעלעך. מיר האָבן יידיש-קאַטעדרעס אויף אוניווערסיטעטן אין ישראל, אין אָקספאָרד, קאָלאָמביאַ, יעיל און אַנדערע, אָבער דאָס איז נישט גענוג! מיר וואָלטן וועלן, אַז אונדזערע יינגערע דורות זאָלן זיך באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך, זי ליב באַקומען, באַוואונדערן איר טיפן שאַפונגס-קוואַל און אַליין אין איר שאַפן.

מיר וואָלטן זיך געוווּנטשן, אַז צו דעם נײַעם קולטור-סעזאָן זאָל אונדזער קלוב ווערן אַ צוציונג-קראַפט פאַר יידישע יוגנטלעכע, וווּ זיי זאָלן זיך פילן היימיש מיט אונדזערע קולטור-ווערטן, און טאַקע ווערן המשך! דאָס זענען אונדזערע ווונטשן, דאָס וועט זיין אונדזער ציל. לאָמיר זיך אָנגורטן מיט פרישע כוחות כדאי דעם ציל צו פאַרווירקלעכן! און לאָמיר געדענקען די ווערטער פון אברהם סוצקעווערס מערקווירדיקער פּאָעמע "די יידישע גאַס".

"ביסט ניט פאַרגאַנגען, דיין פּוסטקייט איז פול,
פול מיטן פאָלק ווי מיין אויג מיט דער מאַמען.
ערגעץ נאָך פלאַטערט אַ שיימע, אַ שול,
ס'האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה די פלאַמען.
איך וואָלט געשווירן: אומערדיש דיין גבול,
טיף איז געווען און וועט זיין - דיינע שטאַמען.
אָט איז די באָרד אויפן בלוילעכן ש"ס,
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואָס.
יידישע גאַס."

# ישראל גובקין ז"ל

מיט דער פטירה פון ישראל גובקין ז"ל איז אַראָפּ פון דער יידישער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער סצענע אַ ווירדיקער טרעגער און פלעגער פון דעם צויבער פון דער יידישער שפּראַך און קולטור; אַ וועלט־ייד, ביי וועמען תפוצות ישראל און מדינת ישראל זיינען געווען אַ נישט צעשיידבאַרער איינס.

אַ ציכטיקער מענש אין זיין טעגלעכער באַציונג צו תלמידים, חברים, פריינד און לייענער, איז ער אַזוי אויך געווען, און "אפשר נאָך העכער" אין זיין ליטעראַרישער און דערציונגס־אַרבעט. פול מיט אחריות פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער געמאָסטן און געוואויגן יעדעס וואָרט, עס זאָל אַרויסקומען מיט וואַרימקייט, פשטות און קלאָרקייט. אַ גרויסער תלמיד חכם, האָט ער געהאַט אַ זעלטענעם טאַלאַנט זיך צו טיילן מיט זיינע תלמידים און צוהערער מיט דעם אוצר פון וויסן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון פיל צענדליקער יאָרן ווי אַ לערער, שרייבער און פּאָעט. ער האָט זיך באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען מיטן אופן פון איינפלאַנצן ליבשאַפט און וואַרימקייט צום יידישן לשון און צום יידישן פאָלק און לאַנד.

אַ גלויביקער אין דער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער ראָל פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ישראל גובקין געפלאָכטן אַ בונד צווישן זיין לאַנגיאָריקן אידעאַל פון אַ חלוצישער, פאָלקסטימלעכער מדינת ישראל, מיט זיינע פאַרצווייגטע ליטעראַרישע שאַפונגען. אַ פאַרליבטער אין יידיש לשון האָט ער אַלע מאָל געפונען אָרט אין זיין טיף יידישן האַרץ פאַר אונדזער אייביקער נאַציאָנאַלער און טראַדיציאָנעלער שפּראַך, העברעיש.

דאָס אַוועקגיין פון ישראל גובקין אין דער אייביקייט איז אַ גרויסע אבידה פאַר אונדזער יידישער קולטור און פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישן לעבן. פאַר אונדז אין דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון זשורנאַל "חשבון" ווו ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר, און פאַר דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס איז דער פאַרלוסט גאָר אַ שווערער!

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל צו אונדזערע זייער חשובע פריינד און חברים ד"ר משה און עטטי טאַפּט און דער גאַנצער משפחה.

מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט,
וועלן מיר אָפּהיטן ישראל גובקינס זכרון.

צבי הירש

# צו דער פּטירה פון מרדכי ליטווין

מרדכי ליטווין, דער סופר ביידיש, איז געווען אַ ייד, אַ קענער, אַ בר־סמכא אין ליטעראַטור און הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. ער איז געווען אַ פּילאַר פונעם יידיש־לאַנד אין דער וועלט, איינער פון די גרויסע אנשי כנסת הגדולה.

מיט זיין פּטירה פאַלט אָפּ נאָך אַ בליענדער צווייג, פון די לעצטע שוין צווייגן פון אַ יידיש־יידישער אינטעליגענץ, וואָס איינגעוואָרצלט טיף אינעם פאָלקס־באָדן האָט זי באַרייכערט און באַצירט דאָס גייסטיק־יידישע האָב־און־גוטס; קינסטלערס, שרייבערס און פאָרשערס אַרויסגעגעבן; אנשי שם אַלץ, וואָס האָבן געבראַנגט כבוד דעם יידישן נאָמען.

מרדכי ליטווין איז געווען אַ יידישער אינטעלעקטואַל וואָס האָט געאָטעמט מיט דעם געמאַטערטן מאַמע־לשון אונדזערן, הגם שפּראַכן האָט ער געקענט געגוג. דער גרויסמייסטער פון מאַמע־לשון איז געווען אַ ווירטואָז פון דער יידישער שפּראַך בכתב ובעל פּה. זיינער אַן עסיי איז מחוץ עשירות פון געדאַנקען אויך אַ רעציטאַל פון לשון יידיש. דעם אוצר פון אונדזער שפּראַך האָט ער באַרייכערט מיט אַ זעלטענעם גאָב - עטלעכע בענד פראַנצויזישער פּאָעזיע ביידיש. ער האָט די פראַנצויזישע פּאָעטן בעצם נישט איבערגעזעצט אין יידיש, נייערט זיי איבערגעגאָסן אין יידיש־קרישטאָלענע כלים, אַז פינקלען זאָלן זיי מיט אַלע פאַרבן און ניואַנסן, אַז בליצן זאָלן זיי מיט דער פּראַכט, דער גאַנצער, פון פראַנצויזישן אָריגינאַל.

מרדכי ליטווין איז געווען אַליין אַ גרויסער פּאָעט!

ביי זיין גאַנצער גייסטיקער עשירות איז מרדכי ליטווין געווען אַ פּשוטער מענטש, נישט געבלאָזן פון זיך און נאָך כיבודים נישט געשטאַנען. דערפאַר האָט זיך דער כבוד געיאָגט נאָך אים. צו אים איז מען געקומען, ווי צו אַ רבין, נאָך עצות, און ער פלעגט אַלע מיט אַ ברייט אָפענער האַנט דערלאַנגען ידיעות וועגן יידיש און יידיש וויסן.

די דאָקטאָר און פּראָפעסאָר־עפּאָלעטן האָט ליטווין נישט געטראָגן, כאָטש געסטייעט האָט זיין וויסן אויף דאָקטאָראַטן און פּראָפעסאָר־טיטלען אַ סך. ער איז געווען אַן ערלעכער מענטש; ער האָט אויסגעמיטן דאָס קאָקעטירן, דאָס שטעכן מענטשן אין די אויגן מיט פּאַגאָנעס, וואָס אין תוך זענען זיי קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט, מחמת דעקונג פאַרמאָגן זיי נישט.

ווי זאָגט ערגעץ עלי שעכטמאַן: -"אַ מענטש מוז האָבן אַ ניגון אין דער נשמה". יאָ, מרדכי ליטווין איז געווען אַ מענטש מיט אַן איידעלן ניגון אין דער נשמה. ער איז די עטרה געווען פונעם יידישלאַנד אין פראַנקרייך.

מיט יראת הכבוד וועלן מיר דערמאָנען אייביק זיין נאָמען. דער פאַראַבלטער משפּחה זיינער - אונדזער טיפסטער מיטגעפיל.

עקיבא פישבין

## צו אונדזערע אַבאָנענטן און לייענער

מיר בעטן אַלעמען אַריינשיקן דעם יערלעכן אָפּצאָל אין צייט, כדי מיר זאָלן קאָנען ווייטער אַרויסגעבן דעם זשורנאַל. אונדזערע פינאַנסן זענען באַגרענעצט. מיר בעטן אויך די אַבאָנענטן, וועלכע טוישן די אַדרעסן: שיקט אונדז באַלד אייער נייעם אַדרעס. איר וועט אונדז איינבערענגען אַ סך אַרבעט און געלט.

**מיט פאַרויסיקן דאַנק -**

**די פאַרוואַלטונג**

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

*ל י ל י  ב ע ר ג ע ר : "עכאָס פון אַ ווייטן נעכטן". דערציילונגען, חומש־מעשהלעך, עסייען און סקיצן. 128 זז', פאַרלאַג ישראל בוך, תל־אביב 1993.

*א ב ר ה ם  ק אַ ר פּ י נ אָ ו ו י ט ש : "ווילנע, מיין ווילנע", דערציילונגען. 166 זז', דערציילונגען, י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1993.

*ה י ר ש ע  ד ו ד  מ ע י נ ק ע ס : "דער פלאַכער שפּיץ". מעשיות פון ווילנער גובערניע. 188 זז', פאַרלאַג דריי שוועסטער, ראָוון ד' ווייִלז, ענגלאַנד, תשנ"ג, 1993.

*מ ע י נ ק ע  ק אַ ץ : "מעינקע סאָנעטן". 58 זז', פּראַכט־אויסגאַבע. סמיט־פאַרלאַג, ברוקלין, נ.י. 1993. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ "וואָרט פריער" פון הערי סמיט און אַן אויסצוג פון מעינקע קאַצס ענגלישער אויטאָביאָגראַפיע אין וועלכע עס ווערן אויפגעקלערט די אייגנאַרטיקייטן פונעם מעינקע סאָנעט, וואָס איז אַ נייס נישט בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור.

*י ו ס ף  ג אָ ל ד ק אָ ר ן : "עלייתו ונפילתו של העתון היהודי הראשון בפולין" (דער אויפשטייג און דאָס פאַלן פון אַ יידישער צייטונג אין פוילן - "דאָס נייע לעבן" - 50 - 1945). אַרויסגעגעבן דורך דעם פאָרש־אינסטיטוט פון יידישער פּרעסע ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט. איבערגעזעצט פון יידיש - יהודה גור־אריה. פאָרוואָרט - שלום ראָזנפעלד. 46זז' העברעיש, 9 זז' ענגלישער קיצור. גרויסער פאָרמאַט.

*ד ו ד  ה אָ פּ ש ט י י ן - פּ ר י י ז : פּראָספּעקט צו דער זיבעטער פאַרטיילונג פונעם פּרייז, וואָס איז היינטיקס יאָר צוגעטיילט געוואָרן דעם וואָרט־קינסטלער הערץ גראָסבאַרט און די שרייבער שלום לוריא און מרדכי צאַנין. אַרויסגעגעבן דורכן פאַראיין פון יידישע שרייבערס אין ישראל.

*"ד י  ג אָ ל ד ע נ ע  ק י י ט" נומ. 135. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר - אַברהם סוצקעווער; רעדאַקציע־סעקרעטאַר - אַלכסנדר שפּיגלבלאַט. תל־אביב 1993.

---

## יידיש צווי: אַ וויכטיק לערנבוך אַרויס פון דרוק

דער נייער אַרויסקום, מיטן אונטערקעפּל אַ לערנבוך פאַר מיטנדיקע און ווייטהאַלטערס (586 זז') פאַרמאָגט אַ שלל מיט אינפאָרמאַטיווע טאַבעלעס. סכעמעס און הוספות, ווי אויך פאָטאָגראַפיעס און אילוסטראַציעס וואָס זענען שייך צו גראַמאַטיק, לעקסיק, סטיליסטיק און שטייגער אַ מאָל און היינט.

י י ד י ש  צ ו ו י י איז אַ לערנבוך אַ יחיד במינו. קיין אַנדער יידיש לערנבוך ברענגט נישט אַזאַ אוצר פון רעד־לשון ביינאַנד מיט די טענדענצן פונעם שרייב־לשון, אַזאַ סך ראַיעלע ידיעות שפּראַך־געאָגראַפישע, היסטאָרישע און סאָציאַלע. ס'איז אי אַ לערנבוך, אי צום טייל אַן איינקוק־גראַמאַטיק.

דאָס בוך קאָסט 36 אַמעריקאַנער דאָלאַר באַטאָוולט און 28 דאָלאַר בראָשירט. (פאַר אָפּגעצאָלטע חברים פון דער יידיש־ליגע: 30 און 24 דאָלאַר). רעכנט אויך צו פּאַק און פּאָסט־געלט: $4 פאַרן ערשטן עקזעמפּלאַר, $2 פאַר יעדן ווייטערדיקן עקזעמפּלאַר. שטעלט אויס דעם טשעק אָדער געלטאָנווייז אויף League for Yiddish און שיקט אים אויפן ווייטערדיקן אַדרעס:

Yiddish Language Resource Center
League for Yiddish,. Inc.
200 West 72 Street #40, New York, N.Y. 10023-2842

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

דער דיסטריקט קאַמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות
צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום
שהם.
לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום
צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי
אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אַניואַטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה-שטייער, ירושה-שטייער, "פּראָבעיט"-הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל-גיינס"-שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.
זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?
אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואַיטי טראַסט פונדאַציע.

**אברהם פרענק, עקזעקוטיוו-דירעקטאָר**

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
811 Wilshire Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017
Telephone: (213) 683-8036

**דרורה קלוב נעמת**

ליובא שלאַפּמאַן - פּרעזידענט
פרימע גאָרענשטיין - וויצע-פּרעז.
בערטאַ קאָרין - פינאַנץ-סעקר.
רעגינאַ שידלער-קאַסירער

**הצפירה**

סימאַ קאַרפּ-לעפּקאָוויץ
פּרעזידנענט

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

# לאָס אַנזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם

**תכלה שנה וקללותיה**

**תחל שנה וברכותיה**

---

**ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד**

**יידיש צווייג**

נאָרמאַן קאַרין - אסאָסייעטעט־פרעזידענט
מרדכי בן־דוד - וויצע־פרעזידענט
לעאָ ראָזענבלאַט - וויצע־פרעזידענט
בערטאַ קאַרין - פינאַנץ־סעקרעטאַר

---

**יידישע חבורה פון פאַסיפיק פאַליסיידס**

**בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,**

**צו אַלע אונדזערע פריינד**

**און שלום אויף דער וועלט און ישראל**

אירווינג טייטלבוים - פרעזידענט

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפּרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

שעלבי שאַפּיראָ
בעטעסדאַ, מערילענד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לײנער - שרה, שמחה און משפּחה

צו משפּחה, חברים, פריינד און מיטאַרבעטער

שנת ברכה והצלחה

הירש - צבי, טאָני און אילאַי

יוסף און ראָזאַלין ניומאַן

ד"ר שייפער - בענסאָן און דאַנא

פּאָרטלאַנד, אָרעג.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## שוואַרץ - חיים

צום נייעם יאָר באַגריס איך מיינע טייערע משפחה-קרובים און אַלע מיינע פריינד. איך ווינטש זיי אַ געזונט, גליקלעך יאָר אין אַ וועלט פון שלום. זיי אַלע צו לאַנגע יאָר. דערמאָן איך מיט ליבע און צער מיין פרוי רות און מיינע דריי פאַרשטאָרבענע שוועסטערס און ברודער זישע, אסתר רעלקע און משה. זיי וועלן אייביק לעבן אין מיין זיכרון!

## לעווין - רעגינאַ און יעקב

## אַלעקסאַנדער - עוועלין

## בלושטיין - שרה און נחום

## גערשאָוויטש - לודמילאַ און נתן

## גאָרפיין - רחל און מאָניע

## ד"ר האַדאַ, זשאַנעט און אַלאַן טויבין

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט ·

העגדל - שלמה

די וואַנאַמייקער משפחה

לאַנצמאַן - בערנאַרד

לובין - דוד

לעוואַנטאַל - בעבאַ און לי

מלאך־קרעמער - לאָטי

ד"ר פישמאַן - בערט און בעטי, פּאַסאַדינאַ קאַל.

פאָנטיין - דזשין און אירווינג

פעלנער - פייגע און משה מאַראַקאָ

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישׂראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

פּאָזי - בעלאַ און משפּחה,
אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן אריה פּאָזי.
מיר וועלן אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

---

קאַפּלאַן - רחל און דוד

---

קאַרין - בערטאַ

---

קאַרפּ - לעווקאָוויץ

---

רוהמאַן - חנה

---

שאַפּיראָ - רעי און מאַרטאַ

---

שאַרף - עלסי, לאָרי און משפחה

---

שוואַרץ - דאָראַ

---

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

גאָרדין – דוד
האַלפּערט, מינע
הענלי – מאַשאַ
וואָדס – בנימין און חנה
וועלטמאַן – פראַנוע און משפחה
טשעסנין – רחל און פימאַ
ליפשיץ – אסתר
ליבערמאַן־גילבאַרד – אברהם, רבקה און משפחה
מאַלעוויטש – פסח און זעלדע
סלוצקי – רחל און מענדל
סאָסקי – העלען און יוסף
פרידמאַן – גרשון און חיה
צוקערמאַן – מאַרווין
קאהען – אסתר
קאַהאַן – טיבול סמיט
קוטלאַר – מאָריס
ראַבינאָוויטש – אהרון
שעפּס – שמעון און חנה
שייפער – דאָראַ און יעקב

אַלפּער – מאַקס
באַסנער – יעקב

באַרנעס – מאָרי און רות
בורמאַן – געניע און ראָי
ביירעק – דאָראַ
גאָרענשטיין – פרומע
גילינסקי – ליובאַ
הערבסט – טשאַרנע און גרשון
הערבסט – מרים און הערשל
לאַקס – יוסף
לעכאָוויצקי- דוואָשע און אהרון
מייזנער – לילקע און שלמה
נאַטאַנסאָן – לייב
נודלמאַן – שלום
סילבער – אַדעל און יצחק
סלוצקי – יעווגעניאַ און אברהם
ראָזענבלאַט – עטל און לייב
ד"ר שאו – מעני און מלכה
שטיינמאַן – נתן
שטיינהאַרדט – פּערל
שידלער – רעגינאַ און חיים
שלאָסער – נעכע
שנור – פאַניע, יוסף און משפחה
שעלי – שרה
שקליאַר – דבורה און משה

**טייערע לעאָן און עטל ראָזענבלאַט**

בעסטע ווונטשן צו לייבס 85־טן
געבוירן־טאָג און מזל טוב
צו אייער חתונה־יובל.
פיל געזונטע יאָרן!

יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.